STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02577

IN LIKHT FUN TOYRE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

פחד יצחק

והוא פירוש על

תפלה

דער חבור איז אויסגעקליבען געווארען ספורים נפלאים און משלים, פון גמרא ירושלמי און בבלי, און פון זוהר הקדוש, פון מדרש רבא און סדר אליהו רבא וסדר אליהו זוטא, ילקוט שמעוני פון סדר הדורות פון אוהל יעקב, און עס איז איבערגעזעצט געווארין אויף עברי דייטש כדי אלע מענשין זאלין זיך ארויסנעמען אמוסר, יהי רצון מלפני ד' אלהינו ואלהי אבותינו אז עס זאל גרויס זיין דער זכות פון די תנאים ואמוראים וואס זייא האבין דערציילט דיא ספורים נפלאים און האבין גיזאגט די משלים, אז עס זאל זיין אלע מיינע מעשים לשם שמים און זאל זיין באהבה ויראה ופחד דערום האב איך אנגעמען געגעבין דעם חבור **פחד יצחק**.

דברי המלקט והמחבר **יצחק** כ"ר **מנחם מאניש** ז"ל **הכהן** גמראוו מדרויסק, בעל המחבר **מנחם יצחק** פירוש על תפלה, **יצחק ירנן** פירוש על פרק שירה, **לקוטי יצחק** פירוש על תהלים, **תודת יצחק** על נביאים, **זכרון יצחק** עברי דייטש על תהלים, **עולת יצחק** פירוש על תפלה.

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

אדון עולם. דער אנהויב דאווענען פון שחרית הויבט זיך אן מיט דעם ווארט אדון עולם ווארום אברהם אבינו האט מתקן געוועזן מען זאל מתפלל זיין תפלת שחרית און ער האט גערופן דעם בורא יתברך אדון, ער האט געזאגט אדני אלהים במה אדע.

מביט לסוף דבר בקדמתו׳ (הליכו זוטא) אשרה האט געפרעגט ביי ר׳ יהושע בן קרחא עס שטייט אין דער תורה אויף אייער גאט אז ער איז שופט צדק׳ ער איז צדיק וישר ואין עול׳ וואס איז דאס פאר אמשפט פון אייער גאט פאר וואס ווערט געבארן שטומע, בלינדע, טויבע, הינקעדיגע, זיי האבין גיווים ניט גיזינדיגט, האט ר׳ יהושע אים גיענטפערט איך וועל דיר ווייזין אז גאט איז אשופט צדק, גיב מיר צוויא טויזענט רענדליך מיט צוויי עדות, האט דער שר אים גיגעבין, נעמט ר׳ יהושע און גיט די צוויי טויזינט רענדליך צו אנבארינגעם בלינדין פאר די צוויי עדות און זאגט אים זאל זיין ביי דיר די געלט דריי חדשים, נאך די דריי חדשים איז ר׳ יהושע גיקומען צו דעם בלינדין און האט גיבעטין די צוויא טויזינט רענדליך, דער בלינדער האט גיענטפערט איך האב ביי דיר ניט גינומען קיין רענדליך און די עדות האט ער אויך אפגילייקינט און דער שר האט גיהערט, זאגט ר׳ יהושע צום בלינדין איך האב גיזעהען אז דיין ווייב זאגט צו אמענטשין יעצט וועט מען טויטין מיין בלינדין מאן און איך וועל זיין דיין ווייב און מיר וועלין האבין אגוטין לעבין מיט די צוויי טויזינט רענדליך. האט דר בלינדער אוועק גיגעבין די געלט צו ר׳ יהושע, זאגט ר׳ יהושע צום שר, זעהסטו אז אונזער גאט איז אשופט צדק ווארום ער וויים פון אן הויב וואס וועט זיין דער סוף פון דעם מענטשין, און ער וויים אז דער מענטש וועט זעהען מיט זיינע אויגען וועט ער טאן מענטשין צרות, באשאפט ער אים צו זיין בלינד, דער שר האט גיזאגט גילויבט איז אייער גאט און אייער תורה איז אמת וואס עס שטייט אז ער איז שופט צדק צדיק וישר ואין עול דאס איז וואס מיר זאגין אין תפלה „מביט לסוף דבר בקדמתו״, גאט זעהט דעם סוף פון איטליכע זאך פון אן הויב.

והערב נא וכו׳ (מד״ר תש״ח). אשרה האט גיזאגט צו דעם שומר פון זיינע אוצרות נעם רענדליך וויפיל דו ווילסט, איז מחמת שמחה האט ער ניט גיוועלט עסין און ניט שלאפין און האט נור גינומען דיא רענדליך, אזוי אויך זאגט משה רבינו אז איך וועל עסין און שלאפין וועל איך ניט לערנען איך דארף זיין אויף דעם הימיל מער נישט פערציג טעג, די תורה לערנען איז אים גיוועזין זיס, בעטין מיר „והערב נא״ דאס די תורה לערנען זאל אונז זיין זיס:

אשר בחר בנו וכו׳ (מד״ר קו״כים)· אשרה האט גיזאגט צו זיין זון פאר האנדלען, זאגט דער זון צום פאטער איך האב פורכט פאר גזלנים, נעמט דער פאטער אשטעקין און לייגט אין איר אקמייע און זאגט צום זון דער שטעקין זאל זיין בייא דיר אין האנד וועסטו ניט האבין קיין פארכט פאר גזלנים און ניט פאר חיות רעות׳ אזו זאגט גאט צו משה רבינו זאג צו די אידין אז זייא זאלין עוסק זיין בתורה. און מחזיק תורה זיין וועלין זיי ניט מורא האבין פאר שלעכטע זאכין.

המחזיר נשמות לפגרים מתים (ילקוט שמעוני)·

ר׳ פינחס האט געזאגט סוף צוואנציג יאר אז די הרוגי בבל זיינען גיהארגעט גיווארין איז גיוועזין דער רוח הקודש אויף יחזקאל הנביא און גאט האט

איס

אים באוויזן טרוקענע ביינער פון טויטע מענטשען אין דעם טאל דורא און האט גיזאגט צו אים זאג אז זיי זאלין לעבעדיג ווערען. האט יחזקאל הנביא גיזאגט נביאות אויף די ביינער און זיי זיינען לעבעדיג גיווארין. די ביינער זיינען פון שבט אפרים וואס זיי זיינען ארויס פון מצרים פאר דער צייט וואס גאט האט צו גיזאגט ארויס נעמען זיי פון מצרים. דאס איז „המחזיר נשמות לפגרים מתים", גאט קערט אום די נשמות צו די טויטע מענטשען.

מדין קשה ומבעל דין קשה (ילקוט במטוני).

אדייכער מענטש פון ירושלים האט געווינט מיט זיין קנעכט אין אגאנץ ווייטע לאנד, און אין ירושלים האט ער גיהאט אבן יחיד, דער רייכער מענטש איז קראנק גיווארין און ער האט גיוואוסט אז ער וועט שטארבין, ער האט פורכט גיהאט פאר זיין קנעכט אז ער וועט שטארבין וועט דער קנעכט צונעמען זיין גאנץ פערמעגין און ער וועט אנטלויפין אין אפרעמדע לאנד און זיין זון וועט ער גיט אפ געבין, האט ער גיזאגט צום קנעכט איך שרייב דיר אב אז דו זאלסט מיר ירשען מיין גאנץ פערמעגין, און מיין זון האט אוים צו קלייבין איין זאך פון מיין גאנצין פערמעגין און נעמען דאס. און דער רייכער מאן האט אויף גישריבין און עדות האבין זיך גחתמ'ת אויף דעם כתב אז ער האט אוועק גיגעבין דעם קנעכט, און דעם כתב האט דר רייכער מאן גיגעבין דעם קנעכט, נאך זיין טויט האט דער קנעכט גינומען זיין הערינס גוטס און איז געקומען קיין ירושלים צו ירשענען זיינע הייזער און פעלדר און אלץ וואס ער האט אין ירושלים און האט גיזאגט דעם זון אז זיין פאטער איז גישטארבין און האט אים גיוויזין דעם כתב וואס זיין פאטער האט גישריבין פאר זיין טויט, דער זון האט דערקענט זיין פאטערס כתב, האט דער זון דערציילט זיין רבי, זאגט צו אים זיין רבי דיין פאטער איז גיוועזין אגרויסער חכם, ער האט גיהאט פורכט פאר דעם קנעכט דאס ער וועט בגזלנען דיין געלט און וועט ניט קומען אין ירושלים דערום האט ער גישריבין אז אלץ זאל זיין צום קנעכט און האט בפירוש גישריבין אז דער זון זאל נעמען איין זאך וועט דער זון נעמען דעם קנעכט אליין איז טייערער וויא אלץ, ווייל וואס אקנעכט האט, גיהערט צום בעה"ב זיינעם, זאלסטו אים רופין צו בית דין האבין אדין תורה אז ער וועט ווייזין דעם כתב אז דו האסט מער גיט איין זאך וואס דיר גיפעלט זאלסטו זאגין אז דו ווילסט דעם קנעכט אליין, האט דער זון אזוי גיטאן וויא זיין רבי האט אים גיגעבין די עצה און ער האט זוכה בדין גיוועזן, און ער האט צוגינומען דעם קנעכט מיט דעם פאטערס פערמעגין און אז דער רבי וואלט אים ניט געבין די עצה וואלט בלייבין דעם פאטערס פערמעגין ביי דעם קנעכט, בעטין מיר אין תפלה ביי גאט אז ער זאל אונז מציל זיין מדין קשה ומבעל דין קשה בין שהוא בן ברית ובין שאין בן ברית:

קדש את שמך על מקדישי שמך (פסחים פרק ג').

ר' יוסף איז גיוועזן זייער קראנק אן לעבין מוטה, ווען אז ער האט זיך אויף גיהאפט האט זיין פאטער ביי אים גפרעגט וואס האסטו גיזעהן האט ר' יוסף גיזאגט צום פאטער איך האב גיהערט אז מען האט אוים גישריען גוט איז דעם מענשין אז ער קומט אהער און איז קלאר אין זיינען לערנען תורה, און גוט איז די הרוגי לוד וואס זייא האבין מקדש השם גיוועזין, מען האט גימאכט אבלבול אויף די יודין אז זיי האבין גיהרגעט די טאכטער פון שר און מען ווייס ניט וועלכער איד האט גיהרגעט, דערום האט דער שר גוזר גיווען אז מען זאל הרג'ע

אידן

יודין אויס הרגנען. האבען צוויא יודין פון דער שטאט לוד גיזאגט אז זיי האבען גיהרגעט די טאכטער פון שר, זיי האבין גיוואלט מציל זיין די יודען פון מיתה. זייא האבין ניט גיהארגעט. האט מען זיי בן גיוועזין אונ מען האט זיי גיהארגעט. דערום וואס זיי האבען מציל גיוועזין אלע אידין פון מיתה זיינען זיי זוכה צו זיין אין גן עדן וואו קיין מענטש קען ניט זוכה זיין צו זעהן זייער ארט אין גן עדן אונ מען שרייט אויס אלע טאג גוט איז די הרוגי לוד. דאס זאגין מיר „קדש את שמך על מקדישי שמך". רבונו של עולם דו זאלסט הייליגען דיין נאמען אויף אלע די וואס זיינען מקדש השם אזוי ווי דו האסט גיהייליגט דיין נאמען אויף די הרוגי לוד, „וקדש את שמך בעולמך ובישועתך הרום והגביה קרננו" מיט דיין הילף גאט זאלסטו אונז אידין דער הויבין אונ העלפין אונז:

צו את בני ישראל (מד"ר פינחס). דער גוטער פריינט פון דאס פרויא פון דעם שררה פאר זיין שטארבין האט ער גיבעטין דעם שררה אז ער זאל שלום ווערין מיט זיין פרויא, ענטפערט אים דער שררה דוא זאלסט בעטין מיין פרויא אז זיא זאל מיר געבין כבוד וועל איך זיין מיט איר שלום, אזוי אויך משה רבינו האט גיבעטין בייא גאט אז ער זאל מאבין אויף די אידין איין גוטין מנהיג, זאגט גאט בעט די אידין אונ פאר זאג זיי אז זיי זאלין טאן מיין רצון וועט זיי גוט זיין. צו את בני ישראל, פאר זאג די אידין אז זייא זאלין מקריב זיין מיינע קרבנות אין דער צייט וואס מען דארף מקריב זיין אונ וויא דער דין איז:

ברוב טובך נהל עדתך (מד"ר כהלית). רבי יצחק בר' אלעזר האט גיזעהן אז אביין פון אמענטשין ליגט אויף דער ערד, האט ער אים באגראבין אין דער ערד איז דער ביין ארויס פון דער ערד, זאגט ר' יצחק דער ביין איז צו טאן אשליחות פון גאט, איז גיגאנגען אמענטש פון די ישמעאלים וואס האט גיטראגין שלעכטע בריף אויף די אידין איז דער ישמעאל גיפאלין אויף דעם ביין אונ איז געטויט גיווארין, ווארום גאט היט איין די אידין פון צרות. דאס בעטין מיר בייא גאט כבבת שמרם וכו' נהל עדתך.

הייתגי מירדי בור (מועד קטן). אז דער מלאך המות איז גיקומען צו ר' יהושע בן לוי צו נעמען זיין נשמה. זאגט ר' יהושע בן לוי צו אים ווייז מיר מיין ארט אין גן עדן אונ דו זאלסט מיר געבען דיין מעסער אויך ווארום איך וויל דיר ניט גיטרויען איבער דער וועג. זאגט צו אים דער מלאך המות קום איך וועל דיר ווייזען אונ גיט אים דעם מעסער אויך, ווי זייא זיינען גיקומען צו דעם ארט פון גן עדן הויבט אים אויף דער מלאך המות אין דער הויך כדי ער זאל קענען זעהן זיין ארט. אזוי טוט ר' יהושע איין שפרונג אין גן עדן אונ דעם מעסער האט ער אויך בייא זיך גיהאט, אזוי האפט אים דער מלאך המות אן זיין מלבוש אז ער זאל צוריק גיין. זאגט ר' יהושע איך טוא איין שבועה אז איך זאל צוריק ניט גיין. דער מלאך המות דער ציילט דאס פאר הקדוש ברוך הוא, האט מען אים גיענטפערט מען זאל נאך קוקען האט ער אנדערש איין מאל איין שבועה גיטאן אונ זיך גילאזט מתיר זיין וועט מען אים די שבועה אויך מתיר זיין, אונ אויב ער האט זיך קיין מאל ניט גילאזט מתיר זיין אשבועה קען מען די שבועה אויך ניט מתיר זיין האט מען נאך גיזוכט אבער ער האט אין זיין גאנין לעבען קיין שבועה ניט גיטאן, איז פאר בליבין אז ער דארף ניט צוריק גיין צום מלאך המות, זאגט דער מלאך המות צו אים גיב מיר אב מיין מעסער אבער ר' יהושע האט

ניט גיוועלט אים אָב געבין, ביז עס איז אַרויס איין בת קול פון הימיל און האָט גיזאָגט, גיב אָב דעם מעסער וואָרום מען דאַרף דאָס האָבין פאַר די מענטשין וואָס דאַרפין שטאַרבין, האָט ר' יהושע בן לוי אָב גיגעבין און איז גיבליבין אין גן עדן לעבעדיגערהייט, און אליהו הנביא האָט אויס גישריען אין הימיל ראַמט אויס איין אָרט פאַר רבי יהושע בן לוי, אויף ר' יהושע בן לוי איז מקוים גיוואָרין דער פסוק וואָס דוד המלך האָט גיזאָגט „חייתני מירדי בור" דו גאָט האָסט מיך דער נערט אַז איך זאָל ניט נידערין אין גרוב.

ברוך פודה ומציל (תעניות פרק ג'). דרייא מאָל אין יאָר זיינען גיגאַנגען יודין אין ירושלים, אַמאָל זיינען זיי גיקומען אין ירושלים און האָבין ניט גיהאַט קיין וואַסער צו טרינקען, איז גיגאַנגען כוני בן גוריון צו זיינעם אַבעקאַנטין שׂרה וואָס האָט גיוואוינט אין ירושלים און האָט בייא איהם גיליען צוועלף קוואַלין וואַסער פאַר יעדער שבט אַקוואַל און האָט איהם גיזאָגט אַז אין יענער און יענער צייט וועל איך דיר אַוועק געבין צוועלף קוואַלין וואַסער אָדער איך וועל דיר בעצאָלין פאַר יעדער קוואַל אַכיכר זילבער, עס איז גיקומען דער בעשטימטער טאָג וואָס כוני בן גוריון האָט דעם שׂרה גידאַרפט אָב געבין דאָס וואַסער און דער הימיל איז גיוועזן קלאָר קיין וואָלקין איז ניטאָ האָט דער שׂרה גישיקט אַשליח צו כוני בן גוריון אים בעטין די צוועלף קוואַלין וואַסער אָדער די צוועלף ככר זילבער האָט כוני בן גוריון גיענטפערט דעם שליח זאָג דיין האַר דער טאָג איז נאָך גאַנץ גרויס ער מעג וואַרטין, מיטאָג צייט האָט דער שׂרה גישיקט אַצווייטין מאָל אַשליח בעטין די געלט אָדער די קוואַלין וואַסער האָט כוני בן גוריון גיענטפערט דעם שליח איך האָב גינוג צייט דער טאָג איז נאָך גרויס, מנחה צייט האָט דער שׂרה גישיקט אַדריטין מאָל בעטין דאָס געלט און ער האָט גיזאָגט זיי וויסין דאָס נאָך אַקליינע ווילע וועט די זון אונטער גיין גיב אָב דאָס געלט, כוני בן גוריון האָט גיענטפערט גאָטעס הילף קען קומען אין איין רגע, איז בן גוריון אַוועק גיגאַנגען אין בית המקדש מתפלל זיין צו גאָט און האָט גיזאָגט רבונו של עולם דו ווייסט אַז איך האָב דאָס גיטאָן ניט פון מיין כבוד וועגין נור פון דיין כבוד וועגין כדי דיינע קינדער זאָלין ניט שטאַרבין פון דאָרשט, איז גיוואָרין פלוצלונג אַוויינט מיט אַוואָלקין און עס איז גיוואָרין אַגרויסער רעגין אַלע גריבער זיינען איבער פול מיט וואַסער, זאָגט דער שׂרה דו מוזט מיר בעצאָלין פאַר די וואַסער ווייל די זון איז שוין לאַנג אונטער גיגאַנגען איז די וואַסער אין מיין רשות גיקומען, איז כוני בן גוריון אַריין גיגאַנגען אין בית המקדש און האָט תפלה גיטאָן צו גאָט און האָט גיזאָגט רבונו של עולם באַווייז דיין וואונדער זאָלין אַלע זעהן אַז דו האָסט גיליבטע קינדער אויף דער וועלט, האָט אַוויינט פאַנאַנדער גיטריבין דעם וואָלקין און די זון האָט זיך באַוויזען, דאָס איז וואָס מיר זאָגין אין תפלה „ברוך פודה ומציל" גילויבט איז גאָט וואָס ער לייזט אויס דעם מענטשען פון צרות:

ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך (מס' מעילה).

איין מלך פון די געצענדינער האָט גוזר גיוועזין אַז יודין זאָלין ניט מהל זיין זייערע זין, און רבי שמעון בן גמליאל האָט זיין זון רבינו הקדוש יע מהל גיוועזן, דער שר פון שטאָט האָט דערהערט אַז ר' שמעון בן גמליאל האָט מהל גיוועזן זיין זון האָט ער אַוועק גישיקט ר' שמעון בן גמליאל מיט זיין פרוי מיט דעם קינד צום מלך, זיינען זיי גיקומען געבטינין אין דער שטוב פון

דעם פאטער פון אנטונינוס און אין יענער צייט איז אנטונינוס געבארין געווארין האט דערציילט די מוטער פון רבינו הקדוש צו דיא מוטער פון אנטונינוס, מען פירט אונז צום מלך צו טאן אונז אמשפט ווייל מיר האבין מהל געווען אונזער זון, זאגט דיא מוטער פון אנטונינוס צו דיא מוטער פון רבינו הקדוש נעם מיין זון וואס ער איז ניט מהול און גיב מיר דיין קינד און טראג מיין קינד צום מלך וועט איר ניצול ווערין פון שטראף, האט זיא אזוי געטאן און קיין מענטש האט ניט געוואוסט, האט דער שר זיי געבראכט צום מלך, זאגט דר מלך מען דארף זעהן צו איז דער קינד מהול האט מען געזעהן אז דער קינד איז ניט אמהול, איז דער מלך אין כעס געווארין אויף דעם שר און האט אים געזאגט איך האב נוזר געווען איין שטראף אויף דעם וואס איז מהול, ווארום האסטו מיר געבראכט דעם וואס האט זיין זון ניט געמהלט, האט דר מלך געזאגט מען זאל דעם שר טויטן, אין יענער צייט זיינען געווען ביים מלך איינגע שרים האבין זייא געזאגט הער קעניג מיר קענגען עדות זאגין אז זיי האבין זייער זון מהל געווען נור זייער גאט איז נאהענט צו זיי אז זיי בעטין אים העלפט ער זיי וויא עס שטייט אין דר תורה (דברים ד׳) מי כה׳ אלהינו בכל קראינו אליו, האט דער מלך מבטל געווען די גזירה און האט געשיקט ר׳ שמעון בן גמליאל מיט זיין פרוי און קינד לשלום צו הויז. ווען זיי זיינען געקומען צוריק אין דר שטוב פון די עלטערין פון אנטונינוס האט געזאגט די מוטער זייגע דערום ווייל גאט האט דיר געטאן אנס אז דיין זון איז געבליבין לעבין דורך מיין זון, זאלין אונזערע זיהן זיין חברים כל זמן זיי וועלין לעבין, און ווייל אנטונינוס האט געזויגין ביי די מוטער פון רבינו הקדוש האט ער זוכה געווען צו לערנען תורה ביי רבינו הקדוש און איז געווארין אמלך און האט עולם הבא, קענען מיר זאגין דעם פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט „ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך" גאט אויף דיין חסד האב איך אבטחון און עס פרייט מיך מיין הארץ וואס דו גאט האסט מיר געהאלפין, דער פסוק איז געזאגט געווארין בנבואה צו דוד המלך ע״ה אויף ר׳ שמעון בן גמליאל ער האט געהאט אבטחון צו גאט און האט מהל געווען זיין זון רבינו הקדוש און דערום האט אים גאט איין געהיט פון צרות און ער איז אוועק מיט גרויס פרייד צו הויז, און מען האט מבטל געווען די גזירה פון אלע אידין.

טעמו וראו כי טוב ד׳ אשרי הגבר יחסה בו • יראו את ד׳ קדושיו כי אין מחסור ליראיו (ספר כרית הנ״רסס). אמלך האט ארויס געקוקט פון פענסטער פון זיין שלאס און דער שלאס איז געשטאנען לעבין אטייך, האט ער געזעהען אז איין אלטער מאן האט זיך געזעצט אויפן זאמד ביין וואסער און האט ארויס גענומען אדארע שטיקיל ברויט און האט דאס צו ווייקט אין וואסער ביז עס איז גוט צו ווייקט געווארין און האט דאס געגעסין און דער נאך האט ער געטרונקען די וואסער פון טייך, און האט זיך געלייגט שלאפין אויף דעם זאמד, האט דער מלך אים געשיקט רופין און זאגט צו אים איך פר וואונדער מיך דו אלטער מאן וויא לאזטו זיך באנוגען און דו האסט אזא ביין לעבין, זאגט ער איך טוא זיך באשיצין אויף גאט וויא עס שטייט אין תהלים „אשרי הגבר יחסה בו" ווארום איז דעם מענטשין ווער עס טוט זיך באשיצין אין אים, איך האב ניט קיין אנגסט פאר גזלנים און קען דינען גאט איך האב מער ניט מורא וויא פאר גאט וועט מיר ניט זיין קיין אפגאנג וויא עס שטייט אין תהלים „יראו את ד׳ קדושיו כי אין מחסור ליראיו".

פארבט אייך פאר גאט איר הייליגע מענשין דען עס איז ניטא קיין שום אפ נאנגען צו זייגע פארבטיגע מענטשין, אונ איך פריי מיר דער מיט וויא איך וואלט גיגעסין קעניגליכע שפייז, דר וואס לויפט נאך געלט האט ניט קיין רוה, ביי טאג לויפט ער אהין אונ אהער וויא אמשוגענער אונ ביי נאכט שלאפט ער ניט אונ טראכט וויא אזוי זאל ער געלט גיווינען אונ ער פארט איבער ימים אונ מדבריות אויף ירידים אונ טאג אונ נאכט האט ער מורא פאר גזלנים אונ האט ניט קיין צייט צו דינען דעם בורא ית' אונ אז ער קומט שוין אהיים זארגט ער ווייטער אונ רעכינט חשבונות מיט זארג אונ אנגסט אונ עס איז אים קיין מאל ניט גינוג, אונ ריכט זיך תמיד צו פארן ווידער אונ צום סוף פאר לירט ער ביידע וועלטין, ער פערט אן זיין געלט אונ עולם הבא אויך, וויא עס שטייט אין תהלים „כפירים רשו ורעבו" די וואס דינען ניט גאט קען זיין אז די זאלין ארים ווערין אונ פאר לירין ביידע וועלטין „ודורשי ד' לא יחסרו כל טוב" אונ די וואס דינען גאט זיי גייט ניט אפ קיין גוטס, דער מלך האט אים מודה גיוועזן אונ האט אים גיגעבין גרויסע מתנות.

תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם (סנהדרין חלק). מנשה דער זון פון חזקיהו איז גיוועזן ארשע זיין פאטער חזקיהו איז גיוועזן א צדיק ער האט אים גילערינט די דינסט פון גאט אונ האט אים גישטראפט אונ ער איז ניט גיווארן גוט, מער ניט יסורים האט אים גיבראכט צו ווערין גוט אונ צו טאן תשובה וויא עס שטייט (ד"ס כ' נ"ו) וילכח את מנשה בחוחים ויאסרוהו בנחשתים וילכהו בבלה, מען האט מנשה גיבונדין אין קייטין אונ מען האט אים גיבראכט אין בבל. „ובהצר לו חלה את פני ד' ויתפלל אליו ויעתר לו" אונ אז עס איז אים גיווארן שלעכט האט ער שוין תפלה גיטאן צו גאט איז גאט איבער גיבעטין גיווארין צו אים האט מען אים אום גיקערט קיין ירושלים אונ איז גיווארין א מלך. דאס האט משה רבינו גיזאגט „תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם" גאט דוא ברייגסט יסורים אויפ'ן מענשין דו קערסט אום דעם מענשין פון זיין שטארקין כח ביז ער ווערט פאר שטויסין אונ דו זאגסט צום מענטשין טוט תשובה אויף אייערע זינד.

לא תירא מפחד לילה (חולין ב"ח). צוויי מענשין זיינען גיגאנגען מיט איין פאס וויין האבין זיי זיך אפ גירוט לעבין ארינגע איז די פאס וויין צו שפרונגען גיווארין אויף צוויי שטיק, האבין זיי דערציילט די מעשה רב מרי בן רב אשי האט ער שופר גיבלאזין אונ האט דעם שד וואס האט צו שפאלטין די פאס אין חרם ארין גילייגט, איז גיקומען דער שד צו אים, פרעגט רב מרי פאר וואס האסטו צו בראכין די פאס וויין, זאגט דער שד די מענטשין האבין דאס פאס אויף מיין אויער גילייגט, זאגט רב מרי פאר וואס דו ביזט וואו מענטשין וואוינען דערום מוזטו בעצאלין פאר די פאס וויין, זאגט דער שד איך וואלט באצאלין נור איך האב איצט קיין געלט גיב מיר איין צייט אזוי וועל איך גיווים באצאלין, גיט אים רב מרי א גיזעצטע צייט וויא די צייט איז פערגאנגען איז דער שד ניט גיקומען, אין א קורצע צייט דער נאך קומט דר שד אונ ברייגט די געלט, פרעגט רב מרי ווארום האסטו זיך גיזאמט, זאגט דר שד רבי איך האב גימוזט אויס זעהן אז איך זאל קענען געלט נעמען ווארום וואס איז אלס פאר בונדין אדער פאר שלאסין אדער פאר חתמת אדער גימאסטין דערויף האב איך ניט קיין רשות צו נעמען נור דר וואס פאר געסט אונ לאזט איבער דעם האב איך מאכט צו נעמען, דאס איז וואס שטייט „לא תירא מפחד לילה" דער צדיק וועט ניט

מורא האבן פאר דעם שד וואס מאכט אין פחד ביי נאכט, רב מרי האט ניט מורא געהאט פארן שד אונ האט אים אין חרם אריין געלייגט אונ ער האט גימוזט באצאלן פאר דער פאס ווין.

כי יעקב בחר לו יה (תהלים קלה). למשל איין שר אז ער פלעגט אין כעס ווערן אויף זיין פרוי פלעגט מען אים ברייגגען זיין קליין קינד וואס זיין פרויא האט געבארן פלעגט ער דעם קינד קושן אונ ער האט געזאגט וואלט איך ניט רחמנות האבן אויף דעם קינד וואלט איך די פרוי לאנג ארויס גיטריבן פון מיינע פאלאצין, דאס איז וואס שטייט „כי יעקב בחר לו יה" ווארום גאט האט אויס דערוויילט יעקב אבינו צו זיך, אז די אידין זינדיגן גיט גאט א קוק אויף דעם פנים פון יעקב אבינו וואס זיין געשטאלט איז אויף דעם כסא הכבוד האט ער רחמנות אויף זיי.

טוב ד' לכל ורחמיו על כל מעשיו (כנת בתרת ד' י'). אגעטצעגדיגער האט גיפרעגט ביי ר' גמליאל ווען אייער גאט האט ליב ארימע לייט פאר וואס גיט ער זיי אליין קיין פרנסה ניט, האט אים ר' גמליאל געענטפערט למשל א מלך איז געווארן ברוגז אויף זיין זון האט ער אים אין תפיסה אריין געזעצט אונ האט פאר זאגט אז מען זאל אים קיין עסין ניט געבן, האט זיך איינער דערבארימט אויף דעם קעניגס זון אונ האט אים גיטראגן עסין אונ טרינקען, איז דאס דעם מלך זייער געפעלין געווארן אונ שיינקט אים פיל געלט אונ טוט אים אן כבוד, אזוי אויך גאט איז אונזער פאטער אונ מיר זיינען זיינע קינדער אונ גאט איז גוט צו אלע מענשן אונ ווען איינער איז ארים איז א שטראף פון גאט אונ אז א מענטש דערבארימט זיך איבער גאטס קינדער אונ העלפט זיי דערבארימט זיך גאט אויף אים, דאס איז וואס שטייט אין תהלים „טוב ד' לכל" גאט איז גוט צוא אלעמען צו די ארעמע אויך „ורחמיו על כל מעשיו" אונ די רחמנות פון גאט איז אויף דעם מענטש וואס טוט די מעשים פון גאט צו רחמנות האבן אזוי וויא גאט האט רחמנות אויף איטליכן אזו האט דער מענש אויך רחמנות אויף דעם ארימאן טוט ער דאך די מעשים פון גאט וועט גאט אויף אים אויך רחמנות האבן אונ וועט אים געבן עולם הזה אונ עולם הבא.

רצון יראיו יעשה (מס' יומא). ר' חנינא בן דוסא איז געווען איינטער ווענינס איז געווען אשטארקער רעגין האט רבי חנינא געזאגט רבונו של עולם די גאנצע וועלט איז אין פריידין וואס עס גייט רעגין אונ איך זאל האבן צער איז באלד דר רעגין אויפגיהערט וויא ער איז אהיים געקומען זאגט ער רבונו של עולם די גאנצע וועלט איז אין צער וואס גייט ניט קיין רעגין אונ מען דארף רעגין, איז געווארן א רעגין, דאס איז וואס שטייט אין תהלים „רצון יראיו יעשה" דעם רצון פון גאטס פארכטיגע טוט ער טאן.

וירם קרן לעמו תהלה לכל חסידיו (מד"ר כמח). משל למלך וואס האט חתונה געהאט אונ האט זיין פרוי ניט געגעבן קיין כתובה אונ אז ער איז געווארן אין כעס אויף איר האט ער איר ארויס גיטריבן פון זיין פאלאץ אונ האט איר ניט געגעבן קיין גט, אזוי האט ער געטאן מיט דער אנדער פרוי וואס ער האט גינומען אונ אויך צו דער דריטער פרוי, ניט ער האט זיי געשריבן א כתובה אונ ניט קיין גט, אז ער האט דר זעהן איין פרוי וואס זיא איז פון א שיינע משפחה אירע אבות זיינען צדיקים האט דער מלך גיזאגט די אשה וועל איך שרייבן א כתובה זיא איז א פרומע אונ שטאמט פון פרומע עלטערין אונ וועל שרייבן אין כתובה וועלכין יאהר אונ וועלכין חודש אונ וויפיל טעג אין חודש האב איך איר גינומען, אונ אין וואס פאר

אמדינה

אמדינה איז געוועזן די חופה מיט איר, אזוי אויך הקב"ה האט באשאפן דור המבול האט ער ניט געשריבן אין דער תורה אין וועלכע צייט האט ער זייא באשאפן און ווען ער האט זיי דערטרונקען, אזוי אויך נאט האט באשאפן דור הפלגה אזוי אויך דיא מצרים, אז ער האט גענומען די אידין זאגט גאט צו משה רבינו איך וועל זיך ניט פירין מיט די אידין וויא איך האב זיך מיט דור המבול געפירט און דור הפלגה און מיט די מצרים, די אידין שטאמען פון גוטע עלטערין. זיי זיינען בני אברהם יצחק ויעקב פר שרייב אין וועלכע מדינה און אין וועלכע שטאט האב איך זיי דער הויבין דאס שטייט "וידבר ד' אל משה במדבר סיני" דאס איז די מדינה "באוהל מועד" דאס איז די שטאט "בשנה השנית" דאס איז דער יאר "בחודש השני" דאס איז דער חודש "באחד לחודש" איין טאג אין חודש דאס איז אלין כדי "שאו את ראש" צו דערהויבין דעם צאל פון די אידין "שאו" איז לשון דערהויבין מקיים זיין וואס עס שטייט "וירם קרן לעמו" גאט דער הויבט די אידין "תהלה לכל חסידיו" מערט איין לויב צו אלע זיינע חסידים פון ישראל:

והעושר והכבוד מלפניך ואתה מושל בכל ובידך כח וגבורה ובידך לגדל ולחזק לכל (שבת פט"ז).

עס איז געוועזן איוד וואס זיין נאמען וואר יוסף מוקיר שבת ווארום ער האט געהאלטין טייער שבת צו קויפין אויף שבת גוטע פיש און גוטע מאכלים ער האט געטאן נור לכבוד שבת צוא טאן דעם רצון פון גאט, לעבין אים האט געוואוינט א געצענדיגער האבין די שטערין זעהער אים געזאגט דאס זיין גאנץ פערמעגין וועט ענדליך געהערין צו יוסף מוקיר שבת האט דער געצענדיגער זייער פורכט געהאט דאס ער זאל ניט בלייבין ארים האט ער זיינע זאכין פערקויפט און פאר די געלט האט ער געקויפט אטייערין בורלאנט און האט אים פאר גייט אין זיין היטיל און האט פערייזט גאנץ ווייט, איז ער געקומען צו א גרויסן טייך און זיך געוואלט אריבער שיפן, וויא זיין שיפיל איז געקומען אין מיטין טייך איז געווארין א שרעקליכער שטורים ווינד און האט זיין היטיל אריין געשלײדערט אין טייך, די היטיל מיט דעם בורלאנט זיינען אין וואסער אריין און פיש האבן צובּיסין און צוריסין די היטיל און גאט האט געשיקט א גרויסן פיש ער זאל איין שלינגען דעם בורלאנט, און פישער האבין געפאנגען דעם פיש און האבן אים געבראכט אין די שטאט וואו יוסף מוקיר שבת האט געוואוינט ער האט ביי זיי אפ געקויפט דעם פיש לכבוד שבת, ער האט אים אויף געשניטין און געפונען דעם בורלאנט און איז דער פון רייך געווארין און האט געשיצט פיל ארימע יודין, דאס איז וואס שטייט "והעושר והכבוד מלפניך" רייכקייט און כבוד איז ביי דיר גאט צו געבין ווער עס טוט דיין רצון אזוי וויא יוסף מוקיר שבת ער האט געטאן דעם רצון פון גאט צו האלטין טייער שבת איז ער רייך געווארין.

זורע צדקות מצמיח ישועות בורא רפואות (כבא בתרא י"א). בנימין הצדיק האט מפרנס געוועזן איין אשה מיט אירע זיבין קינדער פון זיינע אייגענע געלט ווען עס איז געוועזן א הונגער אין דער לאנד, דער צדיק איז קראנק געווארין נאר צום שטארבין איז פאר אים געוועזן א מלאך מליץ און האט געזאגט צו גאט בנימין הצדיק וואס ער האט מחיה געוועזן אפרוי מיט אירע זיבין קינדער דארף אזא צדיק ניט אזוי גיך שטארבין, איז ער באלד געזונט געווארין, דאס איז וואס שטייט "זורע צדקות" גאט פאר זייט די צדקות וואס א מענטש טוט "מצמיח ישועות" ער מאכט שפראצין איין הילף פאר דעם בעל צדקה "בורא רפואות" גאט באשאפט

פאר

פאר דעם בעל צדקה ארפואה אז ער ווערט קראנק.

ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (ירושלמי). אז טורנוסרופוס האט גמשפט ר' עקיבא דעם משפט פון מיתה ווייל ער האט גילערנט תורה, אין יענער צייט איז גיוועזן זמן קריאת שמע האט זיך ר' עקיבא גיפרייט, האט גיזאגט טורנוסרופוס הרשע צו אים איך פאר שטיי ניט וואס פאר אמענטש דו ביזט צו דען פערשטייסטו ניט אז מען האט דיר גמשפט צו טויטן אדער דיר איז ניט גיפעלין די יסורים וואס גאט גיט דיר אונ דו לאכסט דער פון, האט אים גיענטפערט ר' עקיבא איך בין ניט קיין נאר אונ איך לאך ניט פון די יסורים וואס גאט גיט מיר מער ניט אלע טאג פלעג איך זאגן אין קריאת שמע ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, דו זאלסט ליב האבין גאט צו דינען אים מיט דיין גאנץ הארץ אונ מיט דיין נשמה אונ מיט דיין געלט האב איך רק גיטראכט ווען וועט דאס קומען צו מיר אלע דריי מצות, מיטין גאנצין הארץ ליב צו האבין גאט האב איך מקים גיוועזן אונ מיט מיין געלט האב איך ליב גיהאט גאט אונ מיט מיין נפש איז מיר ניט גיקומען אז איך זאל מקיים זיין אונ יעצט איז מיר גיקומען אזא צייט וואס איך קען מקיים זיין „בכל נפשך" מוסר נפש צו זיין אונ יעצט איז די צייט פון קריאת שמע אונ איך וועל זאגין בכל נפשך ליב האבין גאט מיטין גאנצין נפש, אונ איך וועל דאס מקיים זיין פריי איך זיך, „ער האט ניט גיהאט צייט צו זאגין ובכל נפשך" איז ארויס זיין נשמה, בשעת ער האט גיזאגט דעם ווארט אחד איז ארויס אבת קול אונ האט גזאגט „אשריך ר' עקיבא שיצאת נשמתך באחד" גוט איז דיר ר' עקיבא אז דיין נשמה איז דיר ארויס בשעת דו האסט גיזאגט אחד וועסטו האבין גרויס גן עדן.

לישני עפר (שבת פרק כ"ג). רב נחמן'ס בעלי מלאכות זיינען גיגאנגען אין פעלד צו ארבעטין האבין זיי גיהערט ווי א מענטש שרייט פון דער ערד ארויס האבין זיי דאס דערציילט פאר רב נחמן, איז רב נחמן גיקומען צו דעם ארט פרעגט ער דעם טויטן מענטש ווער ביסטו, זאגט דר טויטער איך בין רב אחא בר יאשיהו, זאגט רב נחמן עס וואונדערט מיר דאס דו קענסט נאך ריידין ווארום עס שטייט דאך אפילו די צדיקים אז זייא שטארבין ווערין זייא צו ריק ערד אזוי וויא דער מענטש איז גיוועזן פון אן הויב ערד, זאגט רב אחא בר יאשיהו עס שטייט גישריבין נאר דער וואס האט גיהאט קנאה שנאה אויף דעם אנדערין די ווערין צוריק ערד, אבער איך האב מיין גאנצין לעבין קיין שנאה קיין קנאה ניט גיהאט אויף קיינעם דערום בין איך ניט פאר פוילט גיווארין, רב נחמן האט דער זעהן דאס רב אחא בר יאשיהו איז אין דער ערד גאר פריש גלייך וויא ער האט נאך גילעבט, אזוי זאגט רב נחמן צו אים אז דו ביסט אזוי פריש אונ דו קענסט ריידין וויא אלע לעבעדיגע מענטשין קום מיט מיר אהיים וואס ליגסטו אין דער ערד, זאגט רב אחא בר יאשיהו צו אים מיר ווייזט אויס אז דו האסט קיין נביאים ניט גילערנט עס שטייט (יחזקאל ל"ז) בפתחי את קברותיכם, גאט זאגט אז איך וועל עפענען אייערע קברים דענסטמאל וועלין אלע טויטע ארויס גיין פון דער ערד אונ איצונד האב איך ניט קיין רשות ארויס צו גיין פון דר ערד, זאגט צו אים רב נחמן עס שטייט (בראשית ג') כי עפר אתה ואל עפר תשוב, זאגט רב אחא דאס וועט זיין איין שעה פאר תחית המתים, דאס איז וואס שטייט „ומקיים

"אמונתו לישני עפר" גאט איז מקיים זייגע אמת צו די צדיקים וואס זייא האבין גיט גיהאט קיין קנאה שנאה אז זיי זאלין זיין אין קבר ווי אלעבידיגער מענטש שלאפט:

רפאנו ד׳ ונרפא וגו׳ (ילקוט במשלי) . בייא אקינד איז גיוועזן אוואונד אויף זיין לייב און זיין פאטער איז גיוועזן אגרויסער דאקטער האט ער אים גיגעבין אפלאסטער און ער זאגט צו אים אז דער פלאסטער ליגט אויף דער וואונד וועט דיר זיין ארפואה, אזוי אויך מיר זייגען אלע אונזערע נשמות אין וואונדין מחמת די עבירות און גאט איז אינזער פאטער און ער איז ארופא חנם האט ער אונז גיגעבין ארפואה פאר דער נשמה די תורה לערנען, דאס בעטין מיר "רפאנו ד׳ ונרפא" גאט הייל אונזער נשמה פון אירע וואונדין גיב אונז אגוט הארץ אז מיר זאלין וועלין לערנען תורה וועט דאס זיין ארפואה פאר דער נשמה און פאר דעם גוף גיב אויך ארפואה אז מיר זאלין גיזונד זיין און מען זאל כח האבין צוא לערנען תורה.

ותן טל ומטר לברכה (תעניות) . עס האט אחודש ניט גירעגינט גייען די חכמים צו חונה המעגל ער זאל בעטין בייא גאט עס זאל גיין רעגין האט ער גימאכט אקרייז און זאגט איך שווער ביי דיין הייליגין נאמען אז דו זאלסט הערין מיין בקשה און דו זאלסט רחמנות האבין אויף דיין פאלק ישראל און דו זאלסט געבין רעגין, האבין די הימלען אן גיהויבין טראפין ווייס רעגין צוא לאזין, זאגט דער חונה המעגל איך האב גיבעטין ביי דיר גאט עס זאל געבין רעגין אז אלע גריבער פון וואסער זאלין דער פילט ווערין, הויבט אן צו רעגענען שטארק, זאגט דער חונה המעגל איך האב גיבעטין אז עס זאל גיין ארעגין מיט ברכה, הויבט אן דער רעגין צו גיין כסדר וויא שטענדיג, דאס בעטין מיר ביי גאט "ותן טל ומטר לברכה" גאט גיב אונז רעגין מיט טויא עס זאל זיין מיט אברכה ניט טראפינס ווייס און ניט צו גרויס און צו פיל.

מלך אוהב צדקה ומשפט (זוהר הקדוש פ׳ נח) ר׳ חייא מיט ר׳ יוסי זייגען גיגאנגען אין וועג האבין זיי באגעגינט צוויי מענשין, איז גיקומען נאך אמענש און האט גיבעטין בייא זייא ברויט צו עסין און האט זייא גיזאגט אז ער האט ניט גיגעסין דריי טעג. איין מענטש פון די צוויי מענטשין וואס ר׳ חייא מיט ר׳ יוסי האבין זיי באגעגינט האט גיגעבין ברויט צו דעם מענטשין וואס ער איז הונגעריג. רבי חייא האט גיהאט צער פאר וואס ער האט ניט גיטאן דיא מצוה צו געבין ברויט דעם הונגעריגין מענטש, זאגט אים רבי יוסי האב ניט קיין צער גאט האט אים גיגעבין די מצוה כדי ער זאל בלייבין לעבין, דער מענטש וואס האט גיטאן די מצוה איז אנטשלאפין גיווארן אונטער אבוים, רבי חייא מיט רבי יוסי זעהען וויא אפלאם פייער שטייט בייא דעם מענטשין און אשלאנג נידערט אראפ פון בוים וואס דער מענטש שלאפט און וויל טויטין דעם מענטשין, איז ארויף גיגאנגען דער פייער אויף דעם קאפ פון שלאנג און האט פאר ברענט דעם שלאנג און דער מענטש שלאפט און ער ווייס ניט דעם נס וואס גאט האט מיט אים גיטאן, ווען ער האט זיך אויף גיהאפט פון שלאף האבין זיי אים דער ציילט דעם נס וואס האט אים גיטראפין. דאס איז וואס שטייט אין תפלה "אוהב צדקה" גאט האט ליב דעם מענטש וואס גיט צדקה, "ומשפט" גאט טוט אמשפט צו שטראפין דעם וואס וויל טאן שלעכטעס דעם בעל צדקה, אזוי וויא די שלאנג האט גיוועלט טויטין דעם מענטש וואס ער האט גיגעבין

ברוים דעם הונגעריגן מענטש איז אראב
אפייער און האט פאר ברענט דעם שלאנג.

אלהי נצור לשוני מרע (תעניות פ"ג). רבי אליעזר
האט גיריטען אויף איין אייזעל האט
ער באגעגנט א מענטשן. זייער אהעבליכן
זיין פנים איז געווען אזוי העסליך דאס מען
האט ניט געקענט קוקן אויף אים האט ר'
אליעזר געזאגט לאבנדיג דיינע איינוואוינער
פון דיין שטאט זיינען אויך אזוי העסליך
ווי דו, האט דער מענטש געענטפערט
דו זאלסט גיין צו מיין באשעפער און פרעג
אים ווארום האט ער מיר אזוי העסליך
באשאפין, רבי אליעזר האט פערשטאנען
דאס ער האט גיזינדיגט געגן גאט און
געגן דעם מענטשין און האט אים גיבעטן
אז ער זאל אים מוחל זיין אויף זיינע רייד
וואס ער האט געגן אים גיזינדיגט, דער
מענטש האט אים ניט גיוואלט מוחל זיין
און זיינע גוטע רייד האט ער ניט גיוועלט
הערין, קומענדיג אין שטאט זיינען אלע
מענטשין פון שטאט ארויס גיגאנגען אים
אנטקעגין אלע האבין גישריען שלום עליך
רבי, דער מענטש האט גיפרעגט וועמען
מיינט איר דאס וועמען רופט איר מורינו
ורבינו אשאנדע אים צו צונעמען בכבוד,
האבין זיי אים גיענטפערט דו ווייסט דען
ניט אז דר רבי אליעזר איז א גרויסער חכם
א יודישער פאלקס לעהרער, האט דער
מענטש גיזאגט זאלין ביי יודין ניט גימערט
ווערין אזעטיקע, ער האט זיי דער ציילט
וואס מיט אים האט זיך פאסירט, די גאנצע
שטאט האט אים גיבעטין אז ער זאל איהם
מוחל זיין ווייל ער איז א גרויסער למדן האט
דער מענטש גיענטפערט צוליב אייך וועל
איך אים מוחל זיין נאר בתנאי אז ער זאל
נאך אמאל ניט ריידין אזעלכע רייד, דאס
בעטין מיר „אלהי נצור לשוני מרע" גאט
היט איין מיין צונג איך זאל ניט ריידען
קיין שלעכטעס אויף די אנדערע מענטשין.

ולא שוה לנו (מד"ר איכה). ר' יודן האט גזאגט
למשל דער קנעכט פון א שררה האט
גימאכט א סעודה צאלע מענטשין האט ער
גיבעטין צו זיין אויף דער סעודה און דעם
שררה האט ער ניט גיבעטין אז ער זאל
קומען אויף דער סעודה, זאגט דער שררה
הלוואי וואלט איך גיווען גלייך מיט אלע
מענטשין, אזוי אויך זאגט גאט א גאנצין
טאג טוען זיי זייערע עסקים און זאגין ניט
אז זיי דינען מיר און תפלה צוא טאן זאגין
זיי אז זיי דינען מיר, דאס זיינען מיר זיך
מתוודה צו גאט און מיר זאגין „ולא שוה
לנו" עס איז ניט גלייך ביי אונז דער כבוד
פון גאט צוא אונזער כבוד, מיר האלטין
אונזערע עסקים בעסער צו טאן ווי א צוא
טאן דעם עסק פון צו דינען גאט, בעטין
מיר דיר גאט אז דו זאלסט אונז מוחל זיין
אויף עבר און אויף ווייטער וועלין מיר דינען
דיר און צו טאן דיין רצון גרעסער פאר
אונזערע עסקים.

לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ד'
מעתה ועד עולם (ילקוט שמעוני). רבי חמא בר
ביסא האט אמאל פאר לאזין זיין פרויא מיט
די קינדער און האט זיך אוועק גיזעצט אין
א בית המדרש לערנען צוועלף יאר, נאך
דעם איז ער גיקומען צוריק אין זיין שטאט
האט זיין זון ר' הושעיה גיפרעגט ביי אים
פיל שאלות גרויסע אין לערנען דאט ר'
חמא זיך זייער גיפרייט און האט גיזאגט
א פאדים אין דרייען גידרייט רייסט זיך ניט
גיך פונאנדער דאס מיינט מען מיין זון ר'
הושעיה האף איך צו גאט אז אויף מיר זאל
מקויים ווערין דער פסוק „לא ימושו מפיך
ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ד' מעתה
ועד עולם:

ולא נשבע למרמה ישא ברכה מאת ד' וצדקה מאלהי
ישעי (מדרש עשרת הדברות). מעשה עס איז

גיווען

גיוועון אגרויסער עושר און אין זיין גאנצין לעבין האט ער קיין מאל קיין שבועה ניט גיטאן, פאר זיין טויט האט ער פאר זאגט זיינע קינדער אז זיי זאלין אויך קיין מאל ניט שווערען, די קינדער האבין אים צו גיזאגט זיין צואה צו האלטין, איז גיקומען א שלעכטער מענטש צום זון וואס איז אין פאטערם הויז און זאגט צוא אים באצאלט מיר טויזינט גילדין וואס דיין פאטער האט ביא מיר גיליען, זאגט דר זון עס איז שקר האבין זייא גיהאט אדין תורה פסקנת אב בית דין אז דעם זון קומט אשבועה אז ער ווייס ניט דער פון, האט דער זון באצאלט ער האט גיזאגט איך וויל ניט עובר זיין אויף דער צוואה פון מיין פאטער האטשע איך ווייס אז עס קומט אים ניט, זיינען גיקומען פיל שלעכטע לייט און מאגען ביא אים געלט און זאגין אז זיין פאטער האט ביא זיי גיליען געלט ווארום זייא זיינען גיוואר גיווארין אז ער שווערט ניט אפילו האטשע אויף איין אמת. האט ער זייא גימוזט באצאלין ווייל שווערין האט ער ניט גיקענט ער האט זיין גאנץ פארמעגין אוועק גיגעבין, דערחם וואס ער האט ניט גיוואלט שווערין און האט גיהיט דעם פאטערם צוואה, האט ער גיפונען איין אוצר מיט אסך געלד, דאס איז וואס שטייט אין תהלים „ולא נשבע" ער האט ניט גישווארין „למרמה" צו דעם רמאי אפ צו לייקענען אים אפילו אמת צוא שווערין, „ישא ברכה מאת ד'" וועט ער האבין ברכה פון גאט:

ברכת המזון

ועל הכל ד' אלהינו אנחנו מודים לך ומברכים אותך. (מד"ר סה"ם). איין שררה האט גימאכט איין סעודה איז גיוועזין אגרויסער טיש מיט מענטשין צו דער סעודה און אקליינער טיש מיט מענטשין, די מענטשין וואס זיצען ביי גרויסין טיש האבין זייא גידאנקט און געלויבט איהם, און דיא מענטשען וואס זיצין ביי אקליינעם טיש האבין זייא גישאלטין דעם שררה האט דער שררה גיוואלט צו טרייבין זיי. זאגט די פרויא פון שררה ניט קוק אויף די מענטשין וואס זייא זיצען ביין קליינעם טיש קוק אויף דיא מענטשין וואס זייא זיצען ביין גרויסין טיש וואס זייא דאנקען דיר. אזוי אויך אז די אידין עסין און טרינקען בענטשין זייא ברכת המזון, און אז די געצענדיגער עסין דער צארענען זייא גאט מיט זייערע רייד וואס איז מיאוס ווערט גאט אין כעס אויף דער וועלט, איז דיא תורה לערינט איין זכות אויף דער וועלט און זאגט צו גאט, ניט קוק אויף די געטצענדיגער וואס זייא דער צארענען דיר מיט זייערע מעשים און זייערע מיאוסע רייד, קוק אויף דיא אידען וואס נאך זייער עסין זאגין זייא ברכת המזון, דאס שטייט אין בענטשין „ועל הכל ד' אלהינו אנחנו מודים לך ומברכים אותך" אויף אלע טובות גאט וואס דו טוסט מיט אונז לויבין מיר און דאנקען דיר, ניט וויא די געטצענדיגער וואס זייא עסין און דאנקען דיר ניט גאט, קוק ניט גאט אויף זייא קוק בעסער אויף אונז אידען און אויף אונזערע מעשים, און דוא זאלסט ניט זיין אין כעס אויף דער וועלט.

(סנהדרין צ"ח). ר' יהושע בן לוי האט גפרעגט בייא אליהו הנביא ווען וועט קומען משיח, האט אים אליהו הנביא גיענטפערט פרעג בייא משיח, זאגט ר' ר' יהושע זאג מיר וואו זיצט ער וועל איך וויסין וועלכער מענטש איז משיח, האט אליהו הנביא גיזאגט ער זיצט פאר דעם טויער פון רום צווישען די קראנקע, אלע קראנקע מענטשין בינדען אויף און בינדען צו עטליכע וואונדין צוזאמען און משיח בינד אויף און בינד צו איינציג וויים, איז ער גיקומען צו משיח און פרעגט ווען וועסטו קומען, האט משיח גיענטפערט היינט, זאגט ר' יהושע בן לוי איך בין גיקומען צו אליהו הנביא און האב צו אים גיזאגט משיח האט מיר אפ גינארט דען ער האט צו מיר גיזאגט אז ער וועט היינט קומען און ער איז ניט גיקומען, זאגט מיר אליהו הנביא ער האט גימיינט אז איר וועט פרום זיין און איר וועט אלע תורה לערנען וואלט ער גיוועזן היינט גקומען, דאס איז וואס שטייט „היום אם בקולו תשמעון" היינט וועט קומען משיח אויב אז איהר יודין וועט דעם קול פון גאט צוא הערין, דאס איז צוא לערנען דיא היילינע תורה און צוא טאן מצות.

קול ד' שובר ארזים (תליםו רכה). אמענטש וואס ער איז גיוועזן אגרויסער צדיק האט גיהאט קינדער וואס זייא האבין גילערינט תורה. ווען ער האט גינומען די אנדערע פרויא און זיא האט מולד גיוועזין בנים וואס זייא ווילין ניט לערנען תורה זאגט דער פאטער צו די שלעכטע קינדער וואס דארף איך די פעלדער און די היזער עס זאל זיין פאר אייך אז איהר ווילט ניט לערנען אונזער היילינע תורה. אזוא אויך דאס גלייבין אז דיא אידין וועלין ניט וועלען לערנען תורה וועט דער קול פון גאט צוא ברעכין די טעגען בוימער דאס מיינט מען די אידען וואס לערנען ניט תורה זיינען זיי גלייך צו אטענעם בוים אזוא ווי א טענען בוים וואקסט ניט אויף אים פירות. אזוי אויך דער יוד וואס ער לערינט ניט איז ער ניט שיין:

תפלת ערבית

ומסדר את הכוכבים (ילקוט שמעוני). אשרה האט גיזאגט צו רבי גמליאל עס שטייט אין אייער תורה אז גאט איז מסדר דיא שטערין און ציילט זייא איך קען אויך די שטערין ציילין נעמט רבי גמליאל איין זיפ און לייגט אריין אין איר קוויטען און שאקעלט די זיפ און זאגט צום שרה צייל די קוויטען, זאגט דער שרה האלט די זיפ אויף איין ארט וועל איך קענען ציילין. זאגט רבי גמליאל דער הימיל שטייט אויך ניט אויף איין ארט די גלגלים גייען ארום ווי אזוי וועסטו קענען ציילין די שטערין דאס שטייט „ומסדר את הכוכבים" גאט איז מסדר דיא שטערין און ציילט זייא, אבער ניט אמענטש קען ציילין די שטערין.

ונקמה בפרעה (מד"ר משפטים). למשל גנבים זיינען אריין גיגאנגען אין וויין גארטין פון מלך און האבין צו בראכין די בוימער פון וויין גארטין, האט דער מלך די גזלנים צו בראכין, אזוי אויך די מצרים האבין צו בראכין דעם וויין גארטן פון גאט דאס זיינען די אידין זייא האבין די אידין גיטאן גרויסע צרות האט גאט דיא מצרים צובראכין אין שטאט. מצרים מיט די מכות, און אין ים זיינען זייא גיווארין דער טרונקען, דאס איז דאס שטייט

„נקמה בפרעה" גאָט האָט גענומען נְקָמָה פון פַּרְעֹה.

והסר שטן מלפנינו ומאחרינו (קדושין פ"א). דער צדיק פְּלִימוֹ פְּלֶעגְט שִׁילְטִין דעם שָׂטָן, עֶרֶב יום כִּפּוּר האָט זיך דער שָׂטָן פַאר שְׁטֶעלְט פַאר אַיין אָרוֹמַאן און איז גֶיקוּמֶען צוֹא פְּלִימוֹ אוּן בֶּעט אַשְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט בַּיין טִיר, זָאגְט פְּלִימוֹ קוּם אִין שְׁטוּבּ צוּ מִיר און עֶס בְּרוֹיט, זָאגְט ווִידֶער דער פַאר שְׁטֶעלְטֶער שָׂטָן איך זָאל עֶסִין אֵיינֶער אַלֵיין אין אַזַא הֵיילִיגִין טָאג ווָאס אַלֶע מֶענְטְשִׁין עֶסִין צוּ זַאמֶען, אַזוֹי בֶּעט אים פְּלִימוֹ צום טִישׁ, האָט ער זיך גֶיזֶעצְט צום טִישׁ און גֶענוּמֶען שְׁנַייצִין דעם נָאז און צוּ גַאוֶוערִין פון מוֹיל, זָאגְט צוֹא אים פְּלִימוֹ זִיץ גְלַייך ווָאס מַאכְסְטוּ זיך אַזוֹיא מִיאוּס, פְּלִימוֹ האָט וַויין גֶיטְרוּנְקֶען זָאגְט דער פַאר שְׁטֶעלְטֶער אָרוֹמַאן גִיבּ מִיר אויך אַבֶּעבֶער וַויין, גִיט אים פְּלִימוֹ וַויין, הוֹיבְּט ער אָן אין דעם בֶּעבֶער צוּ שְׁפַּייעֶן ער האָט דאָס אַלְץ גֶיטָאן כְּדֵי ער זָאל דעם פְּלִימוֹ דער צַארֶעגֶען ער זָאל זיך מְצַעֵר זַיין ווייל ער שִׁילְט אים אַלֶע טָאג, דער נָאך אַז ער האָט ווייטֶער גֶיוועלְט טְרִינְקֶען פַאלְט אים דער בֶּעבֶער פון האַנְט, זָאגְט צוּ אים פְּלִימוֹ זִיץ וויא אַמֶענְטְשׁ אָדֶער גֵייא פון דַאנֶען אַרוֹיס, מַאכְט זיך דר שָׂטָן אַנִידֶער פַאלִין און מַאכְט זיך גְלַייך וויא ער איז טוֹיט, איז גֶיוָוארִין אַקוֹל אין גַאס אַז פְּלִימוֹ האָט אַיין אָרוֹמַאן בַּייא זיך מֵמִית גֶיוועזֶען, אַנְטְלוֹיפְט פְּלִימוֹ אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַריין ווָארוּם ער שֶׁעמְט זיך שְׁטַארְק, וויא דער שָׂטָן זֶעהְט אַז פְּלִימוֹ איז זיך אַזוֹי פִיל מְצַעֵר מַאכְט ער זיך אַז ער ווערְט צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג און ער גֵייט צוּ פְּלִימוֹ און זָאגְט אים דוּא זָאלְסְט ווִיסֶען אַז איך בין דער שָׂטָן ווָאס דוּ שִׁילְסְט מִיר אַלֶע טָאג דֶערוּם האָבּ איך דיר גֶיוָואלְט אַבִּיסֶיל מְצַעֵר זַיין איצוּנְד זָאג איך דיר אַז דוּ זָאלְסְט מִיר שׁוֹין מֶער נִיט שִׁילְטִין, זָאגְט פְּלִימוֹ וויא אַזוֹי זָאל איך דיר נִיט שִׁילְטִין אַז דוּ בִּיסְט דער „יֵצֶר הָרָע", זָאגְט צוּ אים דער שָׂטָן בֶּעט גָאט אַז ער זָאל דעם „יֵצֶר הָרָע" אין גַאנְצִין פון דיר אָפּ טָאן, דאָס בֶּעטִין מִיר „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו" גָאט נֶעם צוּ דעם שָׂטָן פְרִיעֶר ער זָאל נִיט מַאכִין שְׁטְרוֹיכְלֶען אוּנְז מִיט עֲבֵירוֹת און דער נָאך זָאל ער נִיט האָבִּין ווָאס צוּ מַסְרֶען פַאר גָאט אויף אוּנְז.

וכל בניך למודי ד' ורב שלום בניך (תליהו זוטא).

אַיין קִינְד ווָאס זַיין פָאטֶער האָט מִיט אים גֶלֶערְנְט חוּמָשׁ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, דר קִינְד איז גֶיפַאלֶען גֶיוָוארִין און ער האָט גֶענוּמֶען מִיט זיך דעם חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית און מֶען האָט אים אַריין גֶיזֶעצְט אין תְּפִיסָה און דעם חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית האָט מֶען אַריין גֶילֵייגְט אין דעם אוֹצָר פון שְׂרָרָה, דעם שְׂרָרָה איז זַיין שֵׂכֶל צוּ מִיסְט גֶיוָוארִין, פַאר זָאגְט דר שְׂרָרָה אַז מֶען זָאל אים בְּרֵיינְגֶען פון זַיין אוֹצָר אַבּוּך צוֹא לֵייעֶנֶען פַאר אים גֶישִׁיכְטֶעס, גֶיפִינְט מֶען אין אוֹצָר דעם סֵפֶר בְּרֵאשִׁית און אַלֶע שָׂרִים פון שְׂרָרָה קֶענֶען נִיט לֵייעֶנֶען דעם סֵפֶר, האָט מֶען גֶיזָאגְט דעם שְׂרָרָה דאָס עֶס איז אַיידִישֶׁער סֵפֶר און אין תְּפִיסָה איז פַאראַנֶען אַיידִישֶׁער קִינְד, האָט מֶען גֶיבְּרַאכְט דעם קִינְד וויא ער האָט דער זֶעהֶען דעם חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית זַיינֶעם נֶעמְט ער קוּשִׁין דעם חוּמָשׁ און לֵייעֶנְט פַאר דעם שְׂרָרָה פון בְּרֵאשִׁית בִּיז וַיְכוּלוּ, דער שְׂרָרָה האָט דֶערהֶערְט דעם שֶׁבַח פון גָאט אַז ער האָט בַּאשַׁאפִין אַלֶע וֶועלְטִין, איז ער אויף גֶישְׁטַאנֶען פון זַיין שְׁטוּל און האָט גֶיקוּשְׁט דעם קִינְד און זָאגְט איך ווייס אַז גָאט האָט מִיר גֶיגֶעבִּין מַיין קְרַאנְקַייט מֶער נִישְׁט אוּם איך זָאל דיר מַאכִין פְרַייא פון תְּפִיסָה, גִיט דער שְׂרָרָה דעם קִינְד אַפִילֶע גָאלְד מִיט זִילְבֶּער און שִׁיקְט אים אַוֶועק צוּ זַיין

פאטער

פאטער מיט גרויס כבוד, דאס איז וואס שטייט „וכל בניך למודי ד'" אז דיינע קינדער וועלן זיין גילערנט צו די תורה וואס פון אונזער גאט „ורב שלום בניך" וועט דערנסטמאל זיין גרויס שלום צווא דיינע קינדער.

אשת חיל

אשה יראת ד' היא תתהלל (מדרש משלי). אז רבי מאיר האט גיזאגט תורה אין בית המדרש שבת פאר מנחה זיינען גישטארבין זיינע צוויי בנים ביא אים אין זיין שטוב. זייער מוטער האט זיי אוועק גילייגט אויף אבעט און זיי צו גידעקט מיט אקאלדרע. מוצאי שבת איז גיקומען רבי מאיר פון בית המדרש פרעגט ער ביא זיין פרויא וואו זיינען אונזערע בנים זאגט זיא אין בית המדרש זיינען זייא. זאגט רבי מאיר איך האב גיקוקט אין בית המדרש און זיי זיינען ניט גיוועזן. גיט זיא אים אכוס של הבדלה האט ער גימאכט הבדלה, פרעגט ר' מאיר נאך אמאל וואו זיינען אונזערע בנים, זאגט זיא אפטמאל זיינען זיי אוועק אין יענעם ארט און יעצט קומען זיי האט זיא אים גיגעבין עסין אז ער האט אפ גיגעסין און גיזאגט ברכת המזון זאגט זיא צו אים איך וועל ביא דיר פרעגין אשאלה אמענטש האט מיר גיגעבין באהאלטין אפקדון זאל איך אים אוועק געבין צו ניט, ענטפערט רבי מאיר גיוויס דארף מען אוועק געבין האט זיא גיזאגט אן דיין ידיעה האב איך ניט גיוואלט געבין. פירט זיא אידם אוועק אין צימער וואו די טויטע קינדער ליגען און האט אים גיזאגט דאס איז דער פקדון, ר' מאיר האט גיוויינט און גיקלאגט און זאגט „בני, בני" מיינע טייערע בנים אין תורה און אין דרך ארץ פאר מיר און פאר אלעמען זייט איר גיוועזן מיט דרך ארץ: „רבי, רבי" איר זייט גיוועזן מיין רבי, האט די מוטער פון די בנים צו ר' מאיר גיזאגט וואס קלאנסטו דוא האסט גיזאגט אז מיא דארף אוועק געבין דעם פקדון צו גאט זיא האט איהם גיטרייסט, איז ער גישטילט גיווארין פון גיוויין, זייא זיינען גישטארבין ווייל זייא פלעגין אוועק גיין פון זייער פאטערס דרשה און עוסק זיין באכילה ושתיה, דאס איז וואס שטייט „אשה יראת ד' היא תתהלל" איין אשה וואס זיא האט מורא פאר גאט דיא אשה קענען איר בארימען קענען זאגין אויף דער פרויא פון ר' מאיר אז זיא איז אשה יראת ה' אירע צוויי בנים זיינען גישטארבין אין איין צייט און פלוצלונג און זיא האט ר' מאיר ניט מבטל גיוועזן פון לערנען אין בית המדרש און ניט גיזאגט איהם די גרויסע גזירה ביז נאך הבדלה און נאך זיין עסין און ברכת המזון, און זיא האט נאך רבי מאיר גיטרייסט.

שחרית לשבת

ובדברי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתרומם (חולין ז"א). רבי פינחס בן יאיר איז גיגאנגען פיל גיפאנגענע אויסלייזן איז ער גיקומען צו א טייך וואס הייסט גנאי, זאגט רבי פינחס צו דר גנאי צו טייל דיין וואסער איך זאל דורך גיין, האט זיך די וואסער צו שפאלטין אויף צוויי זייטין און רבי פינחס גייט טרוקין אריבער, קומט אמענטש און

בית טראגט

טְרָאגְט אויף זיך וַוייץ צוּ מָאלִין צוּא בַּאקִין מַצָה, אויף פֶּסַח זָאגְט ווידֶער ר׳ פִּינְחָס צוּם וַואסֶער צוּ שְׁפַּאלְט זיך פַאר דֶעם יוּדֶענְס ווֶענְן עֶר גֵייט אַמִצְוָה טָאן, שְׁפַּאלְט זיך דָאס וַואסֶער אוּנ דֶער יוּד אִיז אַרִיבֶּער גִינַאנְגֶען טְרוּקִין, אוּנ מִיט דֶעם יוּד אִיז גִינַאנְגֶען אַיין עַרְבִי זָאגְט רַבִּי פִּינְחָס ווידֶער צוּ דֶעם וַואסֶער שְׁפַּאלְט זיך פַאר דֶעם עַרְבִי וֶועגִין אויך כְּדֵי מֶען זָאל נִיט זָאגִין אַיין חַבֶר אִיז מִיט אִים גִינַאנְגֶען אוּנ הָאט אִים הִינְטֶען גִילָאזִין, הָאט זיך דֶער וַואסֶער ווידֶער גִישְׁפָּאלְטִין, דֶערוֹיף זָאגְט ר׳ יוֹסֵי וִויא הֵיילִיג אִיז דֶער רַבִּי פִּינְחָס בֶּן יָאִיר נָאך מֶער ווִיא משֶׁה רַבֵּינוּ וָוארוּם בַּייא משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאט גִישְׁפָּאלְטִין דֶעם יַם אַיין מָאל אוּנ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּנ דָא בַּייא רַבִּי פִּינְחָס בֶּן יָאִיר אִיז נָאר דְרַיי מֶענְטְשִׁין גִיוֶועזֶען אוּנ דָאס וַואסֶער הָאט זיך דְרַיי מָאל גִישְׁפָּאלְטִין דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין תְּפִלָּה „ובדברי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתרומם“ דוּרְך דִיא רֵייד פוּן דִיא צַדִיקִים אוּנ חֲסִידִים ווֶערְסְטוּ גָאט גִילוֹיבְּט אוּנ דֶער הוֹיבִּין אַלֶע דַאנְקֶען דִיר וָואס בַּייא דִיר אִיז טַייעֶר הֶער צַדִיק אוּנ דֶער חָסִיד וָואס עֶר אִיז גוֹזֵר בִּיזְטוּ מְקַיֵים.

לישני עפר (סדר סדורות). אַיין מֶלֶך הָאט גִיזָאגְט צוּ ר׳ שְׁלמֹה הַצַדִיק אִיך וִויל עֶפֶענֶען דֶעם קֶבֶר פוּן יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא אִיך ווִיל אִים זֶעהֶען, זָאגְט ר׳ שְׁלמֹה צוּם מֶלֶך דוּא ווֶעסְט אִים נִיט קֶענֶען זֶעהֶען מֶער נִישְׁט נִיט וַוייט פוּן אִים אִיז דֶער קֶבֶר פוּן בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה זַיין תַּלְמִיד אַז דוּ ווֶעסְט אִים קֶענֶען זֶעהֶען ווֶעסְטוּ יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא אויך קֶענֶען זֶעהֶען, שִׁיקְט דֶער מֶלֶך נָאך זַיינֶע שָׂרִים זִייא זָאלִין קוּמֶען זֶעהֶען בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה אִיז דֶער וָואס הָאט זיך אָן גִירִירְט פוּן דִיא יִשְׁמְעֵאלִים צוּ עֶפֶענֶען דֶעם קֶבֶר אִיז עֶר תֵּיכֶף גִשְׁטָארְבִּין, זָאגְט אַיין אַלְטֶער יִשְׁמָעֵאל צוּם מֶלֶך דֶער בָּרוּך אִיז אַזוֹי זָאלְסְטוּ גוֹזֵר זַיין אויף דִיא יוּדִין אַז זִייא זָאלִין עֶפֶענֶען דֶעם קֶבֶר פוּן בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה, הָאט דֶער מֶלֶך גוֹזֵר גִיוֶועןן אויף דִיא יוּדִין אַז זִייא זָאלִין עֶפֶענֶען דֶעם קֶבֶר פוּן בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה, הָאבִּין דִי אִידִין גִיבֶּעטִין דֶעם מֶלֶך אַז עֶר זָאל זִייא גֶעבִּין צַייט דְרַיי טֶעג כְּדֵי זַיי זָאלִין הָאבִּין צַייט תְּפִלָּה צוּ טָאן צוּ גָאט אוּנ מְחִילָה בֶּעטִין בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה וָואס מֶען וֶועט עֶפֶענֶען זַיין קֶבֶר וָואס דָאס אִיז נִיט זַיין כָּבוֹד, גִיט זַיי דֶער מֶלֶך דְרַייא טֶעג נָאך דִי דְרַייא טֶעג שִׁיקְט דֶער מֶלֶך נָאך דִי אִידֶען אַז זַיי זָאלִין שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם קֶבֶר פוּן בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה אִיז דֶער מֶלֶך גִיקוּמֶען מִיט זַיינֶע שָׂרִים אוּנ דִי אִידֶען הָאבִּין אויף גִיעֶפִינְט דֶעם קֶבֶר אוּנ זִייא אִיז נִיט גִיוֶועזִין קַיין שָׁאדִין אוּנ מֶען הָאט אִים גִיפוּנֶען עֶר לִיגְט אִין אַיין קַאסְטִין פוּן מִירְמֶעל שְׁטֵיין גְלַייך וִויא עֶר לִיגְט אוּנ שְׁלָאפְט. דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט „ומקיים אמונתו לישני עפר“, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אַיין מָשָׁל „ורקב עצמות קנאה“, דִי בֵּיינֶער פוּן בַּעַל מְקַנֵא ווֶערְט פַארפוֹילְט ווֶערִין אוּנ דִי צַדִיקִים וָואס זִייא זַיינֶען נִיט מְקַנֵא ווֶעןין זִייא נִיט פַאר פוֹילְט ווֶערִין, אִיז דָאס גָאט מְקַיֵים אוּנ דִי בֵּיינֶער פוּן בָּרוּך בֶּן נֵרִיָה אִיז נִיט פַאר פוֹילְט גִיוָוארִין, אַזוֹי אויך אַלֶע צַדִיקִים וָואס זִייא הָאבִּין נִיט דִיא מִדָה פוּן קִנְאָה ווֶערְט נִיט פַאר פוֹילְט זַייעֶרֶע בֵּיינֶער אִין קֶבֶר:

רב להושיע (אליהו זוטא). אַיין שְׂרָרָה הָאט גִיהַאט אַפְרוֹיא אַגוּטֶע אוּנ אַפְרוּמֶע אוּנ אִירֶע קִינְדֶער אִיז אויך גוּטֶע אוּנ פְרוּמֶע, אוּנ עֶר הָאט גִינוּמֶען אַפְרוֹיא נָאך אֵיינְס וָואס זִיא אִיז נִיט אַגוּטֶע אוּנ אִירֶע קִינְדֶער אִיז אויך שְׁלֶעכְטֶע אוּנ טוּעֶן דֶעם שְׂרָרָה גְרוֹיסֶע צָרוֹת. זָאגְט דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ צוּם שְׂרָרָה פַאר וָואס הָאסְט דוּ גִינוּמֶען אַזַא שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיא אוּנ אַזַא מִיעֶסֶע אוּנ אִירֶע קִינדער

קינדער טוען דיר גרויסע צרות ענטפערט איר דער שרה איך וועל שוין ניט אריין גיין צו איר אין שטוב, אזוי אויך זאגין דיא אידען צו גאט פאר וואס העלפסטו דיא ישמעאלים זיי האבטו אוועק געגעבין ארץ ישראל אונ עס איז זייא גוט, זייא דער צארענין דאך דיר גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. זאגט גאט צוא די אידען "רב להושיע" איך גאט וועל אייך העלפין אונ ניט דיא ישמעאלים.

ופת לאורחים וצדקה לעניים (סדר הדורות). עס איז גיוועזען אמענטש וואס ער האט גיהייסען בן סבר האט ער פאר קויפט אלע חפצים אונ איז גיגאנגען צו מאכין חתונה איין ארומען בחור מיט די געלט, אונ עס איז גיוועזען ווען ער האט שוין דעם ארומען בחור חתונה גימאכט אונ ער איז שוין גיגאנגען צוריק אהיים איז ער גיקומען צו אטייך וואס דארטין איז אגרויסע שלאנג אגרויסער מויק, וויא דער בן סבר האט גידארפט אריבער גיין דעם טייך האט זיך דיא שלאנג דיא גרויסע אוועק גילייגט פון איין ברעג טייך ביז דער אנדער ברעג טייך וויא אבאלקין, איז ער אריבער גיגאנגען דעם טייך אויף דיא גרויסע שלאנג, האט ער באגעגינט אמענטשין וואס ער ווייזט אוים זייער מיאוס (דאס איז גיוועזען דער מלאך המות ער האט זיך פאר שטעלט וויא אמענטש) אונ האט צו אים גיזאגט דיין צייט איז גיקומען צוא שטארבין, דער בן סבר טוט תפלה צו גאט אונ זאגט, רבונו של עולם איך האב גילערינט אונ גיטאן צדקה אונ גמילות חסדים אונ איך גייא פון אזא מצוה איך האב גימאכט חתונה איין ארימין יתום זאל איך שטארבין וויא אבהמה אויף דעם פעלד, איז ארוים אבת קול אונ האט גיזאגט מען גיט דיר צייט צוא לעבין ביז דו וועסט קומען אהיים אונ דוא וועסט שטארבין אויף דיין בעט, איז דער מלאך המות אוועק גיגאנגען פון אים, איז דער בן סבר גיקומען אין אשטאט האט ער גיבעטין אז מען זאל אים אריין פירען צוא אתלמיד חכם וואס ער איז אצדיק, האט מען אים אריין גיפירט צו אצדיק וואס ער הייסט שפיפון בן ליש, האט שפיפון מיט אים זיך זייער דער פרייט אונ ער האט דער זעהען אז דער בן סבר אז זיין פנים איז גרין אונ געל פון שרעק פון מלאך המות, פרעגט בייא אים שפיפון וואס פעלט דיר וועל איך דיר אלץ געבין, דער בן סבר האט אים דער ציילט אז דער מלאך המות האט אים גיוואלט טויטען אויף דעם פעלד, זאגט שפיפון צו אים האב ניט קיין פורכט איך האב אגרויסען בטחון צו גאט אז ער וועט דיר איין היטען פון טויט, אין דרייא טעג ארום קומט דער מלאך המות צוא שפיפון אונ זאגט צו אים גיב מיר אוועק דעם פקדון וואס איך האב בייא דיר. שפיפון ענטפערט אים זאג מיר וואס פאר אפקדון האסטו דו בייא מיר. זאגט דער מלאך המות דיין נשמה אונ די נשמה פון בן סבר דארף איך צו נעמען. ענטפערט שפיפון אים דו זאלסט ארוים גיין פון מיין שטוב דו האסט בייא מיר ניט קיין פקדון, דער מלאך המות איז גיקומען צו גאט אונ זאגט רבונו של עולם שפיפון טרייבט מיר ארוים פון זיין שטוב. זאגט גאט שפיפון'ס נשמה זאלסטו ניט נעמען אונ די נשמה פון בן סבר זאלסטו יע נעמען קומט דער מלאך המות צו שפיפון אונ זאגט אים גאט האט מיר גיזאגט דיין נשמה ניט צו נעמען אונ די נשמה פון בן סבר יע צו נעמען פון אים. זאגט שפיפון די נשמה פון בן סבר וועסטו אויך ניט נעמען ער האט גיטאן אגרויסע מצוה גימאכט חתונה איין ארעמען יתום דארף ער לעבין עס שטייט "צדקה תציל

ממות" איז ארוים אבת קול אונ האט אוים גישריען וואס זאלין מיר טאן אז די צדיקים זייען מבטל אונזערע גזירות, זאגט גאט צום מלאך המות זאג זייא אז מען האט זיי בידען דער לייגט צו לעבין צוא זייערע יארין וואס זיי האבין אפ גילעבט נאך צו זיבעציג יאר לעבין. דאס איז וואס שטייט „צדקה לעניים" אז מען גיט צדקה צוא ארעמע מענטשין „הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם" איז הקדוש ברוך הוא אליין באצאלט זייער שכר ניט דורך אשליח, אזוי וויא צו דעם בן סבר האט גאט אליין באצאלט זיין שכר, אונ האט גיזאגט אז מען זאל זייא דער לייגען לעבען נאך צוא זיבעציג יארין.

חיים שיש בהם יראת שמים (מכפטים מד"ל).

עם שטייט „יראת ד' היא אוצרו" אמענטש האט גיזאגט צוא זיין חבר איך האב טויזינט מאס תבואה טויזינט מאס בוימיל אונ טויזינט מאס וויין. זאגט צוא אים זיין חבר אויב דו האסט וואו צו האלטין זייא וועסטו האבין זייא אין גאנצין אונ אויב דוא האסט ניט וואו צו האלטין זייא איז גלייך וויא דו האסט גאר ניט ווארום מען וועט דאס צו נעמען, אזוי אויך איז אמענטש לערינט תורה אונ האט מורא פר גאט איז גוט דער לערנען אונ אז ער האט ניט קיין יראת שמים איז זיין לערנען תורה אויך ניט גוט, דאס בעטין מיר ביי גאט „חיים שיש בהם יראת שמים", מיר זאלין האבין אלעבין פון יראת שמים:

וכפר אדמתו עמו (מד"ל ויחי). ר' אליעזר האט גיזאגט אז דער מענטש ווערט אין ארץ ישראל באגראבין איז גאט אים מכפר אונ איז אים מוחל אויף זיינע עבירות, ווארום עם שטייט „וכפר אדמתו עמו" עם ווערט כפר געבין אויף די עבירות פון זיין פאלק אידין דורך זיינע ערד פון גאט דאס איז ארץ ישראל אז מען ווערט באגראבין אין ארץ ישראל.

מוסף לשבת

לישני עפר (סדר כדורות). רב עמרם איז גיוועזן זיין זיצונג אין דער שטאט מגנצא דאס די שטאט איז ביי דער טייך רינוס איז ער אוועק גיגאנגען צוא דער שטאט קלוניא צו מאכין אישיבה פון תלמידים צו לערנען תורה, פאר זיין טויט האט ער גיבעטין זיינע תלמידים אז מען זאל אים מקבר זיין אין מגנצא אונ מען זאל אים מטהר זיין אונ אריין לייגין אים אין אקאסטין אונ אריין לייגין דיא קאסטין מיט אים אין אשיפעלע אקליינע אונ אוועק לאזין גיין אויף דעם טייך אונ דיא שיפעלע זאל גיין אליין אן מענטשין וועט זיא אליין קומען אין מגנצא, ווען ער איז גישטארבין האבין די תלמידים אזוי אים גיטאן, איז דער שיף מיט רב עמרם אוועק גיגאנגען אליין אונ איז גיקומען אין דער שטאט מגנצא, דיא ישמעאלים האבין דאס דער זעהען אז איין שיף מיט אקאסטין איז גיקומען האבין זיי גיוועלט צוא נעמען דעם שיף האט ער זיך ניט גילאזט נעמען, דער שיף פלעגט זיך אב רוקען פון די ישמעאלים, אונ אז דיא אידין פלעגין אים וועלין נעמען לאזט זיך דער שיף יע נעמען, האבין די אידין אויף גיעפינט דעם קאסטין האט מען דער זעהן אז עס ליגט איין טויטער מענש אונ אבריף ליגט אונ עס שטייט אויף גישריבין מיינע ברידער אונ מיינע גוטע פריינד פון מגנצא איך בין גיקומען צו אייך איך בין גישטארבין אין דער שטאט קלוניא בעט איך אייך אז

איר זאלט מיר מקבר זיין דארט וואו מיינע עלטערין ליגען אין קבר, נאום עמרם. אז די אידען האבין דערזעהן אז ער ליגט טויט רב עמרם און זיין בריף, האבין זיי גיקלאגט און גיוויינט זייער און האבין אים ארויס גינומען פון שיף. די קאפטין מיט רב עמרם, די ישמעאלים האבין גיוואלט צו נעמען די קאפטען מיט רב עמרם אבער זייא האבין ניט גיקענט רירען פון ארט און די אידען האבין אים אוועק גיטראגין און האבין אים מקבר גיוועזין וואו זיינע עלטערין ליגען אין קבר, דאס איז וואס שטייט „לישני עפר" די צדיקים אז זייא שטארבין און מען דארף זיי לייגין אין דער ערד זייגען זייא גלייך ווייא זיי וואלטין שלאפין לעבעדיגערהייט אזויא ווייא רב עמרם נאך זיין טויט האט ער ניט גיוואלט אז די ישמעאלים זאלין אים נעמען.

ועל נשמותינו הפקודות לך (סוכה פרק ה׳). בייא שלמה המלך איז גיוועזין צוויי קנעכט שרייבערס איינער האט גיהייסין אליהורף און דער אנדערער האט גיהייסין אחיה, שלמה המלך האט גיזעהען אז דער מלאך המות איז זייער טרויעריג פרעגט ער בייא אים פאר וואס איז ער טרויעריג האט ער גיענטפערט אז מען הייסט מיר אז איך זאל די נשמות פון דיינע שרייבערס צו נעמען, האט שלמה המלך גינומען דיא ביידע שרייבערס און זייא איבער גיגעבין צו די שדים אז זייא זאלין זייא איבער פירין אין מקום וואס הייסט לוז וואס אין דער שטאט שטארבט קיינער ניט דער מלאך המות קומט נים אהין, ווייא די צווייא מענטשין זיינען גיקומען נאהענט צו דעם טויער פון לוז זיינען זייא גישטארבין, דעם אנדערין טאג זעהט שלמה המלך דעם מלאך המות דאס ער איז שטארק לוסטיג, פרעגט ער בייא אים וואס איז ער אזוי לוסטיג, זאגט דער מלאך המות דו האסט זיי גישיקט אין דעם ארט וואו זייער גזר דין איז צו שטארבן און ביי דיר אין שטוב איז ניט גיוועזן זייער גזר דין פון גאט אז זייא זאלין שטארבן, ניט וואו איך וויל קען איך צו נעמען די נשמות מער נישט וואו גאט וויל אז אין דעם ארט זאל דער מענטש שטארבין, דאס איז וואס שטייט אין תפלה מיר דאנקען דיר גאט וואס אונזערע נשמות איז בייא דיר גאט באהאלטין וואו דו ווילסט אז דער מענש זאל שטארבין אין יענעם ארט מוז ער שטארבין ניט וואו דער מלאך המות וויל.

ברכי נפשי

יהי שלום בחילך שלוה בארמנותיך (ספר חסידים). א מענטש האט גיזאגט איך וויל בעסער מתפלל זיין אין בית המדרש לעבין ארון קודש כדי מיין תפלה זאל בעסער אן גינומען ווערין צו גאט, האט דער רב גיזאגט צו אים עס שטייט „במקום גדולים אל תעמוד" צווישין הארין זאלסטו ניט שטיין טאמער וועט מען דיר ארויס שטויסין, אויך אז דו וועסט שטיין לעבין ארון קודש וועט קומען צו מחלוקת דרום איז בעסער אז דו זאלסט דארטין ניט שטיין וועט דיין תפלה בעסער אן גינומען ווערין, האט דער מענטש דעם רב ניט גיפאלגט און עס איז גיווארין איין מחלוקת, אין אקורצע צייט איז ער גיווארן איין אבל האט ער גימוזט זיצען אונטען, דאס איז וואס שטייט „יהי שלום בחילך" אז עס וועט זיין שלום בייא דיר „שלוה בארמנותיך" וועט זיין שלוה אין דיין פאלעץ וועסטו ניט האבין צער אין דיין שטוב און ניט צער אין בית המדרש (דער בית המדרש

הערט גירופין פאלעץ), אונ דו העסט ניט דארפין זיצין אונטען אין בית המדרש, דו וועסט ניט זיין קיין אבל.

ד' ישמור צאתך ובואך (מד"ר נח). ארטיבן האט גישיקט צו רבינו הקדוש אמתנה איין טייערין פעריל אונ ער האט געבעטין אז ער זאל אים אויך שיקין אגוטע מתנה, האט רבי איהם אפ גישיקט איין מזוזה, זאגט ארטיבן צו רבי איך האב דיר גישיקט איין פעריל וואס זיין ווערדע האט ניט קיין שאצונג אונ דו האסט מיר גישיקט וואס די ווערדע איז אגילדין, האט אים רבינו הקדוש גיענטפערט דו האסט מיר גישיקט אזא זאך וואס איך דארף דאס היטען פון גנבים אונ איך האב דיר גישיקט אזו אזאך אז דוא וועסט שלאפין אונ דאס וועט דיר היטען פון אלע שלעכטס וויא עס שטייט „ד' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם. גאט וועט דיר איין היטען פון שלעכטעס דיין ארוים גיין פון שטוב אונ דיין קומען אין שטוב אונ די מזוזה איז ביין טיר וואו מען גייט ארוס פון שטוב אונ מען גייט אריין אין שטוב, דורך דער מצוה פון מזוזה היט איין גאט דעם מענשין פון אלע צרות:

ויתן לך

ולא יבשו עמי לעולם (מועד קטן). רבי שמעון בן חלפתא זאגט צו זיין זאהן אז ער זאל גיין צו רבינו הקדוש אז ער זאל איהם בענטשין, איז ער גיקומען צו רבינו הקדוש האט ער אים גיבענצט אז דו זאלסט ניט פאר שעמט ווערין, אז ער איז גיקומען צום פאטער האט ער גיזאגט רבי האט מיר ניט גיבענצט ער האט מיר גיזאגט אזויא רייד אז איך זאל ניט פאר שעמט ווערין, זאגט דער פאטער ער האט דיר גיבענצט מיט די ברכה וואס גאט בענצט די אידען עס שטייט „ולא יבשו עמי לעולם" מיין פאלק אידען וועלען אייביג ניט פאר שעמט ווערען.

תפלת הלל

יקר בעיני ד' המותה לחסידיו (זוהר הקדוש). אז ר' שמעון בן יוחאי איז קראנק גיווארין איז גיקומען צו אים מבקר חולה זיין ר' פינחס בן יאיר מיט ר' חייא מיט ר' אבא, האבען זיי בייא אים גיפרעגט דוא ביסט אזא צדיק וואס דיין זכות פון תורה מיט דיינע מצות האבין אקיום די גאנצע וועלט וויא אזוי קען זיין אז דו זאלסט שטארבין עס שטייט „יקר בעיני ד' המותה לחסידיו" ענטפערט ער זיי מיין משפט וועט הקדוש ברוך הוא אליין זעהען אונ מיין דין וועט ארוים מיט אזכות, זעהען זיי אז ער איז אין בעט גיבא זייגען זייא דערשראקין גיווארין אונ אין אוויילע ארום האבן זייא דערהערט אריח פון גן עדן אונ זייא האבין ר' שמעון בן יוחאי אויך דער זעהן אז ער איז אין בעט אונ רעט מיט אמענטש אונ זיי זעהען ניט מיט וועמען ער רעט, האט רבי פינחס גיזאגט אונז איז אגרויסער וואונדער וואס דו ביסט ניט גיווארין אין דיין בעט אונ אז מיר האבן דיר דערזעהן האט אונז גשמעקט אריח פון גן עדן אונ דו האסט גירעט מיט אמענטש אונ מיר האבין ניט גיזעהן אים, ענטפערט ר' שמעון דאס וואס איך בין ניט גיווארין האט מען נאך מיר גישיקט פון הימיל אונ מען האט מיר גיוויזין דעם ארט

וואו

יואו די צדיקים זייגען אין גן עדן אונ מען האט מיר גיגעבין רשות אוים צו קלייבין איין ארט אין גן עדן האב איך זיך אוים גיקליבין איך זאל זיין אין גן עדן לעבין אחיה השלוני. אז איך בין גיקומען פון גן עדן זייגען גיקומען דרייא הונדערט נשמות פון צדיקים אונ אדם הראשון אונ מיט אים האב איך גירעט. דאס איז וואס שטייט „יקר בעיני ד׳ המותה לחסידיו״ עס איז שווער אין גאטס אויגין צו ברייגגען אויף זייגע חסידים אטויט ווארום זיי וועלין האבין צער וואס זיי שטארבין דערום טוט ער מיט זייא פיל נסים אונ מען ווייזט זיי פאר זייער טויט זייער ארט אין גן עדן זייא זאלין ניט האבין קיין צער וואס זייא גייען אוועק פון דער וועלט ווארום זייא וועלין האבין אבעסערע וועלט.

כוס ישועות אשא ובשם ד׳ אקרא (חולין פז׳).

רבי האט גיהאט איין גאסט בייא זיך וויא זיי האבין אפ גיגעסין, אזוי זאגט רבי צום גאסט וואס ווילסטו צוא דעם כוס פון צו בענטשין צו דו ווילסט דער פאר פערצינ גילדין, זאגט דער גאסט איך וויל בעסער דעם כוס צו בענטשין, איז גיקומען אבת קול פון הימיל אונ שרייט אוים דער כוס פון בענטשין איז מער ווערט וויא פערצינ גילדין ווארום לעתיד לבוא וועט מען דעם כוס פון בענטשין דוד המלך געבין, דאס האט דוד המלך גיזאגט „כוס ישועות אשא ובשם ד׳ אקרא״.

מוסף לראש חודש

לישני עפר (סדר הדורות). דער רמב״ם איז גישטארבין אין מצרים אונ מען האט אים גיפירט מקבר צו זיין אין ארץ ישראל האבין גזלנים אוועק גינומען דעם קאסטין וואס אין אים דער רמב״ם ליגט, אונ האבין גיוואלט אריין ווארפין אים אין ים, האבין זיי אים ניט גיקענט רירין פון ארט, זייא זייגען גיוועזין דרייסיג גזלנים, וויא זייא האבין דאס דערזעהען האבין זייא גיזאגט דאס איז אגרויסער צדיק, האבין די גזלנים גיזאגט צוא די אידין אז זייא וועלין שוין לאזין פירין אים אין ארץ ישראל אונ זייא וועלין אויך העלפין פירען, דאס איז וואס שטייט „לישני עפר״ די צדיקים נאך זייער טויט ווערין זייא גירופין שלאפעדיגע, אזוי וויא דער רמב״ם אז ער וואלט שלאפין וואלט מען אים געוויס ניט גיקענט ווארפין אין ים, אזוי אויך אז ער איז גיוועזען טויט האט מען אים אויך ניט גיקענט ווארפין אין ים ווארום נאט היט איין דעם צדיק פון צער בשעת ער לעבט אונ נאך זיין טויט אויך:

וברית אבות לבנים תזכור (מד״ל פ׳ כח). רבי לוי האט גיזאגט גאט האט גיפונען דעם זכות פון משה ואהרן האט ער גיזאגט אז דורך זייער זכות זאלין די אידין אויסגילייזט ווערין פון מצרים דאס שטייט „אלה בני היצהר״ למשל איין שררה האט גינומען איין פרוי וואס זיא האט גיהאט מער נישט וויא צוויי צירונג, אזוי אויך זאגט גאט גינוג פאר דיא אידין אז זייא זאלין אוים גילייזט ווערין דורך דעם זכות פון משה ואהרן, דאס בעטין מיר „וברית אבות לבנים תזכור״ דורך דעם זכות פון די אבות זאלין מיר אויך גיענטפערט ווערין.

וקרבתנו מלכנו לעבודתך (מד"ל יתרו). למשל אײן שׂרה האט גיהאט אפעלד האט ער גיבעטין אסך מענטשין אז זײא זאלין ארבײטין די פעלד אונ זײא האבין ניט גיװאלט, נור אײן מענטש האט זיך גינומען צו ארבײטין די פעלד, איז דער מענטש גיװעזין טײער בײן שׂרה, אזוײא אויך אלע אומות האבין ניט גיװאלט נעמען די תורה אונ די אידען האבין יע גינומען זײא האבין גיזאגט נעשה ונשמע, דאס זאגין מיר „וקרבתנו מלכנו לעבודתך". אונ מיר האבין גינומען די תורה, בעטין מיר דיר אז דו זאלסט אויף אונז רחמנות האבן.

וטהר לבנו לעבדך באמת (יומא פ"ג). רבי אליעזר בן חרסום האט אים זײן פאטער גילאזין בירושה טויזענט שטעט אויף דער יבשה אונ טויזענט שיפען אויף דעם ים אונ ער איז גיגאנגען לערנען תורה. אײן מאל האט אים באגעגענט זײן אײגענער קנעכט אונ ער האט אים ניט דער קאנט אז דאס איז זײן האר ר' אליעזר, אונ זאגט צו אים אזוײא װיא עס איז אמת אז ר' אליעזר בן חרסום לעבט, אזוײא װעל איך דיר ניט אפ לאזין דוא מוזט הײנט ארבעטין בײא מײן האר ר' אליעזר, גיט איהם אװעק רבי אליעזר זײנע גאנצע געלט װאס ער האט גיהאט מיט זיך אונ איז אװעק גיגאנגען תורה לערנען, דאס בעטין מיר בײ גאט „וטהר לבנו לעבדך באמת" אז דו זאלסט מאכין ריין אונזער הארץ צו דינען דיר מיט אמת אזוי װיא רבי אליעזר בן חרסום חאטשע ער איז גיװען זײער רײך האט ער גיהאט אגוט הארץ אונ איז גיגאנגען תורה לערנען.

מוסף לשלש רגלים

איש כמתנת ידו (סוטה ד' מ"ח). ר' חנינא בן דוסא האט גיזעהען אז די מענטשען פון זײן שטאדט האבין גיבראכט נדרים ונדבות קיין ירושלים אונ ער האט ניט גיבראכט, האט ער גינומען אשטײן אײן גרויסין אונ האט אים גימאכט גלאט אונ שײן אונ האט גיזאגט דעם שטײן װעל איך ברײנגען קײן ירושלים צום בית המקדש, זײנען גיקומען צו אים פינף מלאכים װאס זײא האבין זיך פארשטעלט װיא מענטשין אונ זאגין צוא אים גיב אונז פינף טאלער װעלין מיר ברײנגען דעם שטײן קײן ירושלים מער נישט דוא זאלסט געבין דײן פינגער אונטערין שטײן, ר' חנינא האט אזוי גיטאן אונ דער שטײן איז שוין גיבראכט גיװארין אין ירושלים, װען ר' חנינא איז גיקומען אהין אונ װיל זײא אפ געבין די פינף טאלער גיפינט ער זײא ניט, איז ער גיקומען צו די סנהדרין אונ פרעגט בײא זײא װאס ער זאל טאן מיט דיא געלט, האבין דיא סנהדרין גיזאגט עס קען זײן אז דאס זײנען גיװען מלאכים, דאס בעטין מיר בײא גאט אז עס זאל גיבויט װערין דער בית המקדש אונ מיר זאלין מקײם זײן װאס עס שטײט אין דער תורה אז מען זאל געבין נדבות „איש כמתנת ידו".

תפלת ראש השנה

לישני עפר (ברכות פ"ג). בײא רבי שמואלס פאטער פלעגט מען געבין געלט באהאלטן פון יתומים, אז ער איז גישטארבין האט מען גידארפט די געלט פאר די יתומים

האט

האט מען ניט גוואוסט וואו ער האט בהאלטן הערט ר' שמואל אז מען זאגט אז ר' שמואל איז דער זון וואס זיין פאטער האט די געלט פון די יתומים פערלייקינט, איז ר' שמואל אויף דעם בית הקברות גיקומען און האט גיפרעגט וואו איז דער פאטער פון שמואל, האט איהם א בת קול גיענטפערט ער איז ארויף לערנען אין דער ישיבה וואס אין הימיל, אלס ער איז גקומען האט ר' שמואל גיפרעגט ביי אים וואו איז די געלט פון די יתומים, ענטפערט ער אים זייא ליגין אין דער ערד אונטער דיא שטיינער וואס מען מאלט תבואה אונזערע געלט ליגט פון אונטן אויף דער ערד וואראם פון די ערד קען פאר פאסט ווערין די געלט און אין מיטן ליגט די יתומישע געלט און אויבין ליגט אויך אונזער געלט אז מען וועט גנבנן וועט מען גנבנן אונזערע געלט, דאס איז וואס שטייט „ומקיים אמונתו לישני עפר" גאט איז מקיים זיינע רייד וואס איז אמת דער וואס איז ניט מקנא פוילט ניט זיינע ביינער עס שטייט „ורקב עצמות קנאה" דער וואס איז מקנא פוילט זיינע ביינער אין קבר אבער דיא צדיקים זיינען ניט מקנא איז ווען ער שטארבט איז ער גליך וויא א שלאפעדיגער מענטש, אזויא וויא ר' שמואלס פאטער האט ניט מקנא גיוועזין די געלט פון יתומים איז ער ניט פאר פוילט גיווארין אין קבר.

וטהר לבנו לעבדך באמת (יומא פ"ג). הילל אז ער איז גיוועזן ארום האט ער דאן פערדינט א שילינג א טאג, פלעגט ער געבן א האלבין שילינג דעם שומר פון בהמ"ד אז ער זאל איהם אריין לאזין אין בית המדרש און מיט דעם אנדער האלבין שילינג האט ער זיך מיט זיין ווייב און קינדער גישפייזט. איין טאג האט ער די פרוטה ניט גיהאט האט דער שומר בית המדרש אים ניט גילאזט גיין אין בית המדרש האט זיך דער נוטער הילל גילייגט פאר דעם פענצטער ער זאל קענען תורה הערין פון רבי שמעיה ואבטליון און עס איז גיוועזין אין דער צייט פון תקופת טבת עס איז גינאנגען א גרויסער שניי איז אויף אים אן גיפאלין אזוי פיל שניי אז מען האט אים שוין גאר ניט גיקענט זעהען און ער איז גילעגין כדי ער זאל תורה הערין, דאס בעטין מיר „וטהר לבנו לעבדך באמת". גאט מאך ריין אונזער הארץ אז מיר זאלין דיר דינען באמת, אזוי וויא הילל האט גיהאט א גוט הארץ צו לערנען תורה חאטשע ער איז גיוועזין ארעם. דער נאך איז ער גיווארין א נשיא און איז רייך גיווארין:

מוסף ראש השנה

וד' עליהם יראה (מד"ל כח). **דיא** פרויא פון אשרה האט דערצאלט דעם שרה האט ער איר אריין גיזעצט אין תפיסה, איז ער אויך מיט איר גיוועזין אין תפיסה ער האט גיזאגט אז איך בין מיט איר וועט מען אויף איר ניט ריידין קיין שלעכטע רייד. אזוי אויך אז די אידען זיינען גיוועזין אין מצרים איז גאט גיוועזין מיט זייא. און אזויא אין בבל. און אזוי אין כדי איז גאט מיט די אידען וויא עס שטייט „וד' עליהם יראה", גאט איז אויף די אידען גיזעהען גיווארין כדי זיי זאלין ניט האבין קיין שבע.

כי באור פניך נתת לנו ד' אלהינו תורת חיים (מד"ל יהלו). אז א מענש פאלט א ראב פון איין הויכין ארט און עס מאכט זיך וואונדרין אויף דעם גאנצין גוף מאכט דר דאקטער זאלבין אויף יעדער אבר בעזונדער, אבער דיא תורה וואס מען לערינט איז איין רפואה

אויף דעם גאנצין נפש אונ אז דער נפש האט ארפואה האט דער גוף אויך ארפואה, ער זאל לעבין מיט פיל ברכה ושלום, דאס איז וואס שטייט אין תפלה „נתת לנו ד' אלהינו תורת חיים".

נצור לשוני מרע (מד"ר ס' ויקרא). איין פרויא האט גיקנאטין טייג ביי איר שכנה אונ דיא האט גיהאט דריי גילדן האט זיא אנודער גילייגט די דריי גילדין לעבין די טייג זיינען זייא אריין גיפאלין אין דיא טייג אונ זיא האט ניט גיזעהען, האט איר מאן גיבעטין ביא איר דיא דרייא גילדין, איז זיא אוועק גיגאנגען צו איר שכנה וואס זיא האט דארטין גיקנאטין די טייג אונ זאגט צו איר אפשר האסטו גיזעהן מיינע דריי גילדין, די שכנה האט גיהאט דריי זיהן זאגט די שכנה צו איר אויב איך האב גיזעהן דיינע דרייא גילדין זאל ביא מיר שטארבין אזון, ווילע זיא האט גישווארין אזא שבועה מיט איהר זאהן וואס דאס איז איין עבירה, האט דיא עבירה גימאכט אז עס זאל שטארבין ביא איהר אזון, זאגט דיא פרויא פון דיא דרייא גילדין ווילע זיא האט מיינע דרייא גילדין גינומען אונ וויל זייא ניט אוועק געבין אונ שווערט מיט איהר זון, דערום איז גישטארבין ביא איהר אזון, קומט ווייטער דיא אשה פון דיא דרייא גילדין צוא דער שכנה אונ זאגט צו איר אפשר האסטו פארט גיזעהן מיינע דרייא גילדין מיין מאן בעט ביא מיר זייא, ענטפערט ווייטער די שכנה אויב איך האב גיזעהען אונ אויב איך וויים פון דיינע דרייא גילדין, זאל ביא מיר שטארבין דער אנדער זאהן, איז פאר דער עבירה וואס זיא שווערט מיט איר זאהן איז אזויא גיוועזין אז ביא איר איז גישטארבין דער אנדערער זון, דיא פרויא קומט ווייטער אונ זאגט צו איר זייא אזויא גוט אפשר האסטו פארט געזעהען מיינע דרייא גילדין זאגט זיא ווייטער אזוי, אויב איך האב גיזעהען דיינע דרייא גילדין זאל ביא מיר דער דריטער זאהן שטארבין, האט נודם גיוועזין איר עבירה וואס זיא שווערט מיט אזאהן איז גישטארבין ביא איהר דער דריטער זאהן, זאגט דער מאן פון די דרייא גילדין צוא זיין פרויא נעם צוויי ברויט אונ טראג אוועק צו דיינע שכנה וואס ביא איר איז גישטארבין די דרייא בנים צוא טרייכטין איר זיא זאל עסין דיא ערשטע סעודה פון אונזער ברויט וויא דער דין איז אז די ערשטע סעודה פון איין אבל זאלין דיא שכנים געבין דעם אבל. האט דיא פרויא גיבראכט צו דער שכנה צווייא ברויטלאך, וויא מען האט צוא שניטען איין ברויט איז ארויס גיפאלין דיא דרייא גילדין, דאס בעטין מיר אין תפלה, „אלהי נצור לשוני מרע", מיין גאט היט איין מיין צונג אז איך זאל ניט ריידין אויף זיך שלעכטס:

שחרית ליום כפור

שבענו מטובך וטהר לבנו לעבדך באמת (יומא פ"ג). יוסף הצדיק האט גיהאט גרויסע צרות פון פוטיפרס פרוי, זיא האט גיוואלט אים איבער ריידען דאס ער זאל איר ווילען טאן זיא האט איהם אין תפיסה אריין גיזעצט זיא האט אים צו גיזאגט צוא שייגקען טויזינט צענטנער זילבער אונ ער האט ניט גיטאן איהר ווילען, דאס בעטין מיר ביא גאט „וטהר לבנו לעבדך באמת" גאט מאך ריין אונזער

הארץ

בארץ אז מיר זאלין דיר דינען באמת אזו וויא יוסף הצדיק האט גידינט מיט אמת.

ברכנו אבינו כולנו כאחד (מד"ל תכ"ח). אמענטש האט מגדל גיוועזין איתומה אונ ער האט איהר גימאכט חתונה, אז מען האט גישריבין איהר כתובה פרעגט דער שרייבער ביי דיא יתומה וויא הייסט דער נאמען פון דיין פאטער, ענטפערט זיא איך ווייס ניט קיין אנדער פאטער מער גישט דער וואס האט מיר מגדל גיוועזין, אזויא אויך גאט איז מגדל דיא אידען רופען זייא איהם פאטער, זאגט גאט איר רופט מיר פאטער, אונ ניט אייערע עלטערען „הביטו אל אברהם אביכם", זאגין דיא אידען דער וואס איז מגדל דער איז דער פאטער „כי אתה אבינו אברהם לא ידענו" דאס בעטין מיר „ברכנו אבינו" בענטש אונז גאט וואס דוא ביסט אונזער פאטער דו ביסט אונז מגדל דו גיסט אונז לעבין גיזונט מיט פרנסה.

מוסף ליום כפור

ומפני חטאינו גלינו מארצינו (מנחות דף כ"ג). איידער דער בית המקדש איז נאך חרוב גיווארין איז גאט גיקומען אן קוקין דעם בית המקדש האט ער גיטראפין דארט שטיין אברהם אבינו, פרעגט גאט ביי איהם וואס טוסטו אין מיין הויז, ענטפערט אברהם אבינו איך בין גיקומען וועגען מיינע קינדער וואו זייא זיינען, זאגט גאט דיינע קינדער האבין גיזינדיגט מיט אסך עבירות אונ במזיד אונ זייא זיינען ניט מהל זייערע קינדער אונ טוען ניט קיין תשובה, האט אברהם אבינו ארויף גילייגט זיינע הענד אויף זיין קאפ אונ שרייט אונ וויינט אונ זאגט, טאמער האבין זייא חס ושלום גאר קיין הילף ניט אויף אייביג, איז ארויס אבת קול פון הימיל אונ זאגט די ישראל זיינען גליך צו איין איילבערט בוים אז מען פלאנצט איהם איצונד אונ ערשט אין אלאנגע צייט ארום גיט ער זיינע פירות, אזוי אויך דיא ישראל מוזין האבין גלות פאר זייערע עבירות אונ דער נאך וועלין זייא איין מאל דער לייזט ווערין, דאס זאגין מיר „ומפני חטאינו גלינו מארצינו".

מפני היד השלוחה במקדשך (מד"ר איכה וגם מס' תעניות פ"ד). ווען דער ערשטער בית המקדש האט גידארפט חרוב ווערין, האבין זיך צוא נויף גיזאמעלט פיר אונ צוואנציג טויזינט יונגע כהנים אונ האבין גענומען דיא שליסלען פון בית המקדש אונ זיינען ארויף אויף דעם טויער פון בית המקדש אונ האבין גיווארפין דיא שליסלען קעגין דעם הימעל, איז גיקומען אהאנד פון פייער פון הימיל אונ האט צוא גענומען דיא שליסלען, אזויא זיינען אלע יונגע כהנים אריין גישפרונגען אין פייער אליין, דאס איז „מפני היד השלוחה" דיא האנט וואס איז אויס גישטרעקט גיווארין.

שתשוב ותרחם עלינו ועל מקדשך ברחמיך הרבים ותבנהו מהרה (אהל יעקב). למשל אשרה וואס זיינע קינדער זיינען קראנקע דיא דאקטורים פון זיין מדינה האבין גיזאגט אז מען מוז אפ שניידין אברים פון זייא האט דער שרה דער פאטער פון דיא קינדער גיבראכט אדאקטער פון אווייטער מדינה דעם גרעסטין דאקטער ער פלעגט זייא געבען זיסע רפואות, אונ זייא פלעגין גיזונד ווערין, אז דער דאקטער איז גישטארבין האבין דיא קינדער זייער שטארק גיוויינט זיי האבין גיזאגט דער

דאקטער פלעגט אונז געבין זיסע רפואות און מיר פלעגין גיזונט ווערין און אונזערע דאקטוירים פון אונזער מדינה פלעגין אונז געבין ביטערע רפואות און זייא זאגין אז מען דארף אונז שניידין אברים. אזויא אויך דער בית המקדש איז גיוועזין אגוטער אפטייק מיט טייערע רפואות הנפש מען פלעגט מקריב זיין קרבנות פלעגט גאט אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות אז דער בית המקדש איז חרוב האבין מיר ניט קיין רפואת הנפש. דאס בעטין מיר בייא גאט „שתשוב ותרחם עלינו. גאט האב אויף אונז רחמנות „ועל מקדשך ברחמיך הרבים ותבנהו מהרה״, און אויף דעם בית המקדש זאלסט דוא רחמנות האבין און אויס בויען אים וועלין מיר ווייטער האבין רפואות הנפש וואס מען וועט מקריב זיין קרבנות אין אים:

תפלת נעילה

שמחה לארצך וששון לעירך (מד״ל).

איין מענטש איז גיקומען אין שטאט פון אשרה האט דר מענטש דער הערט אז עס איז פאראנען אטאג וואס דער שרה טיילט מתנות צו איטליכען. און צו דעם מענטש וואס ער האט ביי אים אקליינעם שולד שיינקט אים דער שרה זיין שולד. און דער וואס האט אגרויסען שולד איז אין יענעם טאג דער סוף פון זיין משפט, צוא אויף גוט צוא אויף שלעכט, האט געפרעגט דער געקומענער מענטש ווען וועט זיין דער טאג וואס מען וועט טיילען דיא מתנות ווארום ער וויל אמתנה פון שרה, זאגט צוא איהם אמענטש וואס ער האט אויף זיך גיהאט אגרויסין שולד, „עס איז נאך ניט גיך, האט דער מענטש גיפרעגט בייא דעם מענטשין וואס ער טיילט דיא מתנות ווען וועט זיין דער טאג וואס מען ווערט טיילען דיא מתנות, ענטפערט ער איהם אין אניכע צייט, זאגט דער מענטש איך האב בייא יענעם מענטשין גיפרעגט און ער האט געזאגט אז נאך ניט אזו גיך, ענטפערט אים דער וואס טיילט דיא מתנות יענער מענטש איז איין גרויסער רשע ער האט אויף זיך גרויסע שולדין וויל ער אז יענער טאג זאל נאך זיין ניט גיך, ווארום ער קלערט עס קען זיין אז ער זאל גמשפט ווערין צום טויט, אזוי אויך דיא אידין האבין געפרעגט בייא בלעם ווען וועט זיין אונזער הילף, ענטפערט ער „אראנו ולא עתה״ איך זעה אז עס וועט זיין איין הילף צוא דיא אידין אבער ניט גיך, זאגט גאט דער בלעם וועט זיין אין גיהנם וויל ער ניט אז איך זאל העלפין דיא אידען, אבער וואס זאגט יעקב אייער פאטער „לישועתך קויתי ד׳״ צוא דיינע הילף טוה איך האפין צוא דיר גאט, יום כפור איז אטאג וואס גאט טיילט מתנות צוא אלעמען, לעבין און גיזונט מיט פרנסה, בעטין מיר בייא גאט אמתנה אז עס זאל זיין „שמחה לארצך וששון לעירך וצמיחת קרן לדוד עבדך ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו.

וצדקה וברכה ורחמים וחיים ושלום (סדל הדורות).

ר׳ מאיר איז גיוואוינט גיוועזין צו לערנען פיר שעה אין בית המדרש נאך דעם דאוונען. איין מאל האט גיטראפין אז ר׳ מאיר האט אפ גידאוונט תפלת שחרית פריער וויא אלע טאג, אלס ער איז ארויס פון בית המדרש האט ער דערזעהן אז צווייא שלאנגען, רידען זאגט איין שלאנג

צוא דער אנדער שלאנג נאט האט מיר געשיקט ר' יהודה מיט זיין פרויא מיט זיינע קינדער דאס לעבין אום בריינגען ווייל ער האט קיין צדקה ניט געגעבין , האט ר' מאיר ארום געוויקעלט זיין פנים אונ זייא האבין אים ניט דער קאנט אז דאס איז ר' מאיר , וויא ר' יהודה האט זיך געזעצט עסין איז געקומען ר' מאיר אונ האט זיך אויך געזעצט אונ געבעטין עסין , אונ האט מיט געוואלד געגעסין בייא איהם . וויא ר' מאיר האט שוין אפ געגעסין זאגט ער צוא ר' יהודה גיב מיר איין ברויט אויף צדקה, זאגט ר' יהודה צוא אים איז דען ניט גינוג אז איך האב דיר געגעבין צום עסין ווילסט דוא נאך איין ברויט פון מיר. גייט ר' מאיר אונ לעסט אויס דאס ליכט אונ האט אפ געוויקעלט דעם פנים, זעהט ר' יהודה וויא ר' מאיר'ס פנים שיינט וויא דיא זון. טראכט זיך ר' יהודה אז דאס איז ניט אום זיסט וואס ער האט געבעטין איין ברויט אויף צדקה ווארום ער האט דער קאנט אז דאס איז ר' מאיר האט ער אים געשווינט געגעבין איין ברויט, זאגט ר' מאיר צוא ר' יהודה זאג דיין פרויא מיט דיינע קינדער אז זייא זאלין ארויס גיין פון דער הויז אונ זייא זאלין ניט אריין גיין אין דער הויז ביז אויף מארגין פריא דרייא שעות אויף דעם טאג אונ מיר ביידע וועלין מיר דא זיין אין דער הויז . פאלגט ר' יהודה דעם רבי מאיר אונ שאפט אפ זיין פרויא מיט די קינדער אויס דעם הויז ארויס, נאר ער מיט ר' מאיר זיינען אליין געבליבען אין דער הויז , קומט דיא שלאנג אין הויז צו ר' יהודה צוא טויטין איהם מיט זיין פרוי אונ קינדער , איז ר' מאיר ארויס געגאנגען פון דער הויז, האט ר' יהודה זייער פיל געשריען צוא ר' מאיר דאס ער זאל אים העלפען פון דער שלאנג , האט ר' מאיר גוזר געוועזין אויף דיא שלאנג אז זיא זאל ארויס גיין פון דער שטוב , איז די שלאנג ארויס געגאנגען פון דער שטוב , אונ ר' מאיר זאגט צוא ר' יהודה שליס צוא דיא טיר אונ דו זאלסט ניט עפענען דיא טיר ביז מארגין אין דער פריא דרייא שעות אויף דעם טאג , פערשליסט ר' יהודה די טיר, קומט דיא שלאנג אונ מאכט אקול גלייך וויא דיא ווייבס קול פון ר' יהודה אונ זאגט עפין מיר אויף דיא טיר איך בין פאר פרארין געווארין , זאגט ר' מאיר צו ר' יהודה עפין ניט אויף דיא טיר ווארום עס איז ניט דיין פרויא , וויא עס איז פאר בייא געגאנגען אשעה קומט ווידער דיא שלאנג , אונ מאכט איין קול גלייך וויא דער זאהן פון ר' יהודה אונ בעט אים ער זאל עפענען , ליבער פאטער עפין מיר אויף דיא טיר ווארום איך בין זייער פאר פרארין , (אין דער שלאנג איז געוועזן ארוח אונ דאס האט גערעט דער רוח ווארום אשלאנג קען ניט ריידין) , זאגט ר' מאיר צוא ר' יהודה דאס איז ניט דיין זון עפין ניט אויף דיא טיר , וויא דיא שלאנג האט געזעהען אז זיא קען ניט טאן איר שליחות האט דער רוח וואס אין דער שלאנג אן געהויבין צוא שרייען , ווייא איז צוא מיר שלאנג גאט האט מיר געשיקט צוא טאן איין משפט די וואס געבין ניט קיין צדקה פון דעסטוועגין זייגען דיא מענטשין מיט זייער תפלה מבטל דיא גזירה, אונ דיא שלאנג האט אזויא שטארק געוויינט ביז איר בויך איז צוא שפאלטין געווארין אויף צווייען , נאך דרייא שעה אויף דעם טאג איז געקומען דיא פרויא פון ר' יהודה צו גיין מיט איהרע קינדער , האט ער בייא זייא געפרעגט צוא זייא האבין געבעטין עפענען דיא טיר , האבין זייא געענטפערט

אַז זייא הָאבִין נִיט גִיבֶּעטִין, הָאט ר׳ מֵאִיר זייא גִיוויזִין וֶוער עֶס הָאט גִיקְלַאפְּט אִין דיא טִיר בַּייא נַאכְט, הָאבֶּען זייא גִיזֶעהֶען וויא דיא שְׁלַאנְג לִיגְט אַטוִויטֶע אִיר בּוֹיךְ אִיז צוּא שְׁפָּאלְטִין וואוּ דֶער רוּחַ אִיז אַרוֹיס פוּן בּוֹיךְ, הָאט ר׳ יְהוּדָה אָן גִיהוֹיבִּין צוּא גֶעבִּין צְדָקָה, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט „וצדקה" אַז מֶען גִיט צְדָקָה „וברכה ורחמים וחיים ושלום" אִיז דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס גִיט צְדָקָה וֶועט עֶר הָאבִּין בְּרָכָה אוּנ גָאט וֶועט אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוּנ עֶר וֶועט אִים גֶעבִּין לֶעבִּין, אוּנ וֶועט שָׁלוֹם הָאבִּין.

עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן (תעניות פ"ג).

מִיט ר׳ מָנִי בֶּן ר׳ יוֹנָה הָאבִּין זִיךְ דיא לַייט פוּן נָשִׂיא גִיקְרִיגְט, אִיז עֶר אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם קֶבֶר פוּן זַיין פָאטֶער אוּנ גִיקְלָאגְט פַאר דֶעם פָאטֶער אוֹיף דיא צָרוֹת וָואס עֶר הָאט פוּן דיא מֶענְשֶׁען פוּן נָשִׂיא, אַמָאל הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין אַז דיא לַייט פוּן דֶעם נָשִׂיא זַיינֶען פַאר בַּייא גִיפָארִין פַאר זַיין פָאטֶערְס קֶבֶר זַיינֶען דִי אֵייזְלֶען גִיבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אוּנ הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט אַוֶועק גֵיין, הָאבִּין זייא פַאר שְׁטַאנֶען ווייל זייא טוּעֶן אָן צָרוֹת זַיין זָאהְן הָאבִּין זֵיי גִינוּמֶען אוֹיף זִיךְ אַז זייא זָאלִין זַיין שָׁלוֹם מִיט ר׳ מָנִי, דָאס בֶּעטִין מִיר „יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן".

פחד פרקי אבות יצחק

פרק ראשון

הוא היה אומר על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים. למשל אמענטש האט גימאכט שותפות מיט איין בעל מלאכה אונ ער האט אים גיגעבין כלים וואס מען טוט די ארבעט. איז ביין בעל מלאכה פאר לארין גיווארין איין כלי וואס מען ארבעט די מלאכה. האט דער מענטש גיזאגט צום בעל מלאכה איך וועל מיט דיר ניט זיין קיין שותף פאר וואס בייא דיר איז פאר פאלין גיווארין איין כלי ווארום דאס איז אסמן אז דוא טוסט ניט דיא ארבייט ווע, איך ניט האבין פון דיר קיין פרנסה, אזוי אויך גאט האט באשאפין אלע עולמות, אונ דורך דעם מענטשין וואס איז מקיים די שלשה עמודים האט דיא וועלט אקיום, אונ ער איז אשותף מיט גאט, אבער אז דער מענטש איז ניט מקיים אפילו איין זאך פון דיא דרייא עמודים זאגט גאט איך וויל מיט דיר שוין מער ניט זיין קיין שותף (א"י).

ויהי מורא שמים עליכם. למשל איין סוחר האט פאר קויפט סחורה וואו עס ליגט דיא סחורה, אונ קיין מענטש האט ער ניט גילאזין אוים קלייבין, אונ איטליכע סחורה האט איר מקח, מער נישט איין גוטין פריינד זיינעם האט אים דער סוחר גילאזט אוים קלייבין, זאגט דער סוחר צו דעם פריינד זיינעם דיר טוא איך אטובה אז איך לאז דיר אוים קלייבין, אבער באצאלין דארפסטו וויא דער מקח איז ביי מיר פון דיא סחורה, דאס האט דער תנא גיזאגט „ויהי מורא שמים עליכם" עס זאל זיין די מורא פון גאט אויף אייך דער מענטש קען זיך מיט זיינע מעשים געבין לעבין אבער דער לעבין באדארף קאסטען געלט דאס הייסט יראת ד', דעם מענטש האט גאט גיגעבין שכל ער זאל אוים קלייבין לעבין, אונ אלע באשעפענים האט גאט ניט גיגעבין קיין שכל אוים צוא קלייבין לעבין. דאס שטייט אין פרשה נצבים ובחרת בחיים דוא מענטש זאלסטוא זיך אוים קלייבין צום לעבין. אבער עס שטייט „ואת הטוב" דו זאלסט טאן גוטע מעשים. דו זאלסט באצאלין פאר דעם לעבין וועסטו דער פאר האבין יראת ד' (א"י).

אל תרבה שיחה עם האשה וכו'. למשל איין מענטש האט גיהאט אזון וואס האט ליב גיהאט צוא טרינקען משקה אונ צוא זיין שכור האט דער פאטער גיהאט גרוים צער דער פון, איז גיקומען איין דאקטער אונ האט גיטאן איין סגולה אז ער זאל פיינד האבין משקה צוא טרינקען. דער פאטער האט גישיקט דעם זון צו קויפען משקה, איז דער זון גיקומען אין איין אכסניא צו קויפען משקה, איז דער בעל אכסניה גינאנגען ברייגען פאר

אים משקה און דער בן איז געבליבען שטיין ביין טיש וואס איז געשטאנען אויף אים כלים ליידיגע וואס עס איז געוועזען אין זייא משקה, האט דער קינד דער הערט דעם ריח פון דיא משקה האט ער גענומען אשטיין און האט צוא בראכען אלע כלים וואס האט געהאט אין זייא דער ריח פון משקה, דער בעל אכסניא האט דאס דער זעהען איז ער אוועק געגאנגען צום פאטער פון קינד און האט געשריען קום צוא מיר און זעה וואס דיין זון האט מיר אן געטאן היזקות ער האט מיר צוא בראכען אזויא פיל כלים, דער פאטער האט געלאכט און האט געזאגט איך וועל דיר באצאלין דיין היזק, דאס איז ביי מיר אשמחה איך זעה אז מיין קינד וועט שוין מער ניט טרינקען קיין משקה אז ער האט צוא בראכען די כלים וואס אין זייא איז מער געשט דער ריח פון משקה, אזוי אויך אז דער מענטש האט צוא בראכען דיא תאוה פון יצר הרע איז אפילו מיט דער אייגענער ווייב רעט ער ניט אסך וועט ער געוויס מיט אפרעמדע אשה ניט ריידין אסך, דאס האט דער תנא געזאגט „אל תרבה שיחה עם האשה" דו זאלסט ניט ריידין אפולע מיט דער אייגענע ווייב „באשתו אמר קל וחומר באשת חבירו" אז מיט דער אייגענער ווייב זאלסטו אסך ניט ריידין איז געוויס דאס מיט אפרעמדע זאלסטו בודאי ניט ריידין אפולע, איז אז דער מענטש איז מקיים און רעט ניט אפילו מיט דער אייגענע ווייב פיל איז ער בטוח אז ער וועט ניט ריידין מיט איין פרעמדע אשה אפולע און ער וועט ניט זיין אין גיהנם.

עשה תורתך קבע. למשל אמענטש איז געקומען אין איין מדינה וואס דיא זיינען אזויא וויא ווילדע מענטשין זייא האבין ניט קיין שכל וויא צוא ארבעטין די פעלדער עס זאל וואקסין תבואה און דיא לאנד איז פול מיט דימענטין מיט פעריל און פון פיל אנדערע מדינות קומט מען צוא זייא און מען ברייננט צוא זיי תבואה און מען וועקסילט אויס מיט זייא אויף אבנים טובות ומרגליות, האט דער אורה גענומען אפעלד זייער אגרויסע און האט איד בעארבייט און פאר זייט תבואה און עס האט אויס געוואקסין פיל תבואה און ער האט פאר פלאנצט בוימער איז אויס געוואקסין פירות און ער האט מיט דיא ווילדע מענטשין זיך געביטין אויף זייערע אבנים טובות און ער האט צונויף געקליבין אסך אבנים טובות און פעריל מיט גאלד, פאר זיין טויט האט דער אורח געזאגט צו זיינע קינדער איך האב אזון אין דער מדינה אשכנז פון דער ערשטער ווייב, און ער איז אגרויסער חכם און אפרומער איד, אז איך וועל שטארבין זאלט איר שיקין צוא אים אשליח אדער אבריף אז ער זאל קומען צוא אייך און איר זאלט אים געבין אחלק ירושה זיינעם וואס ער וועט זיך אויס קלייבין, אז דער פאטער איז געשטארבין האבין זייא געשיקט נאך דעם ברודער קיין אשכנז, אז ער איז געקומען האבין דיא ברידער אלץ געוויזין אים וואס דער פאטער האט זייא געלאזין, תבואה, פירות, גאלד, זילבער, אבנים טובות, פעריל, און דיא ברידער האבין געזאגט צו אים פון דיין חלק ירושה קלייב זיך אויס וואס דוא ווילסט און געם, האט ער זיך אויס געקליבין צו נעמען אבנים טובות און פעריל, האבין דיא ברידער געוואונדערט זיך אויף זייער פאטער וואס ער האט זייא געזאגט אז דער זון וואס איז אין דער מדינה אשכנז איז זייער אקלוגער, נור וואס איז דאס פאר איין חכם אז ער האט ניט געוואלט

נעמ״ן

געמען תבואה וואס דאס איז אזוי חשוב און האט נאר גינומען אבנים טובות וואס דאס איז גאר ניט חשוב, אין אצייט ארום איז גיקומען אין דער מדינה וואו די ווילדע מענטשין זיינען אשׂרה אחכם און האט זייא אויס גילערינט וויא מען זאל דיא פעלדער בעארבייטין און עס האט אן גיהויבין צו וואקסין תבואה, פלעגין זייא שוין פירין דיא אבנים טובות און די פעריל אין אנדערע שטעט און האבין זייא פאר קויפט וויא דער מקח איז, און תבואה איז שוין ביי זייא גיווארין וועלוועלער פאר דימענטין. דענמאלט האבין זייא פאר שטאנען אז זייער פאטער איז גירעכט וואס ער האט גיזאגט אז זייער ברודער איז אחכם וואס ער האט גינומען זיין חלק ירושה דימענטין מיט פעריל און אונז האט ער גילאזין די תבואה וואס איז וועלוועלער פאר ברילאנטען, אזוי האט גיזאגט דער תנא „עשה תורתך קבע" מען זאל דיא תורה לערנען מאכען פאר איין עיקר עסק וועט מען דער פאר האבין דעם בעסטין חלק. אבער אז מען איז עוסק אין אנדערע עסקים און ניט אין תורה עוסק צוא זיין וועט מען ניט האבין דעם גוטען חלק וויא ער וואלט עוסק זיין בתורה ובמצות (א"י).

אל תרבה לעשר אומדות. למשל איין מענטש האט גיטאן אשידוך מיט זיין זון און ער איז ניט רייך, און ער האט זיך מתחייב גיוועזין צוא קויפין פאר דעם זון אפאר בגדים. זאגט צוא איהם דער מחותן דוא ביזט ניט קיין גביר קויף בעסער איין בגד ווארום אז דוא וועסט קויפען איין פאר וועסטו קויפען שלעכטע סחורה, אזויא אויך אז מען וועט געבין מעשׂר שאצינדיג אפילו ער וועט קלערין אז ער גיט מעהר אבער עס קען טרעפין אז ער וועט האבין אטעות און עס וועט זיין ווינציגער וויפיל דער שיעור, וועט דיא תבואה ניט פאר ריכט ווערין פון מעשׂר, דאס האט דער תנא גיזאגט „אל תרבה לעשר אומדות" דער מדרש שמואל לערינט דעם פשט מען זאל ניט געבין בכיון מעשׂר מעהר וויפיל דער שיעור איז, דאס הייסט מען זאל ניט מעסטין נאר שאצינדיג טאר מען דאס ניט ווארום עס קען זיין אז דו וועסט האבין אטעות אין דיין שאצונג. און דיא וועסט געבין ווינציגער (א"י).

רבי חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל וכו'. עס איז גיוועזין אמענטש וואס איז גיוועזין אגרויסער מכניס אורח, איז גיקומען צו אים אקראנקער מענטש און האט ביי אים גיגעסין און די אכילה האט אים פארשאט, זאגט דער חולה צום בעל הבית דיינע אכילות איז זייער שלעכטע עס האט מיר פארשאט, דער בעל הבית האט אים גיענטפערט מיינע אכילות איז פאר גיזונטע מענטשין ניט פאר קראנקע מענטשין, דאס האט ר' חנניא גיזאגט „רצה הקדוש ברוך הוא לזכות" גאט האט גיוואלט צוא מאכין גירעכט דיא אידין „לפיכך הרבה להם תורה ומצות" דערום האט ער זייא גיגעבין אסך מצות וועט מען האבין אסך שכר פון גאט אויף עולם הזה און עולם הבא. און ניט וויא דיא מענטשען וואס זייא זאגן אז דיא סך מצות איז ניט גוט ווארום זייער נשמה איז קראנק פון זייערע עבירות. וואס זייא טוען (א"י):

על דאטפת אטפוך וסוף מטייפיך יטופון. למשל אקינד האט גיגעסין ניט קיין צייטיקע פירות האט אים גינומען דיא בויך וויא מאן האט אים אדאקטער גיגעבין ביטערע רפואות, זאגט דער קינד צום פאטער איך וועל געבין אגילדין איין ארעמען קינד אונ ער זאל נעמען דיא ביטערע רפואות אונ איך זאל גיזונט ווערין עס איז מיר שלעכט צוא נעמען דיא ביטערע רפואות. האט דער פאטער צוא איהם גיזאגט עס וועט דיר ניט העלפין אז איין אנדערער וועט נעמען דיא רפואות דוא מוזט אליין זעהן נעמען דיא רפואות. אט דאס זאגט דער תנא, „על דאטפת אטפוך" דוא האסט דער טרונקען אמענטשין האט מען דיר דער טרונקען אונ דו האסט ניט גיקענט זאגין איך וועל געבין געלט איין ארעמאן מען זאל אים דער טרינקען (א״י).

פרק שלישי

כל המקבל עליו עול תורה וכו׳. למשל איין מענטש וואס זיינע קינדער ארבעטין שווערע ארבייט, אונ דער בן זקונים זיינער איז גיוועזין זייער אגוטער קינד, איין מאל איז ער גיגאנגען צו זיינע עלטערע ברידער אונ האט אויך גיוועלט ארבעטין זייערע שווערע ארבעט, זאגט צוא אים זיין פאטער מיין טייערער קינד דו זאלסט ניט ארבעטין דיא שווערע ארבעט דוא דארפסט טאהן וואס איז גוט פאר דער נשמה, אזוי אויך גאט האט גינומען דיא אידין פאר טייערע קינדער אונ צו לערנען תורה וועט זיין זייער נשמה ריין, אונ די עמלקים זאלין ארבעטין ערד, אונ אז דער איד וויל ניט מקבל זיין עול תורה אונ וויל בעסער ארבעטין שווערע ארבעט וויל דאס ניט גאט, אונ גאט זאגט אים דאס איז ניט גוט פאר דיר בעסער זייא מקבל עול תורה וועט מען פון דיר אראפ נעמען דעם עול דרך ארץ, דאס האט דער תנא גיזאגט „כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול דרך ארץ" דער וואס נעמט אויף זיך דעם עול תורה נעמט מען אראפ פון אים דעם עול דרך ארץ חעט ער ניט דארפין שווערע ארבעט טאן פון וועגין פרנסה, ער וועט האבין אגרינגע ארבעט פרנסה צו האבין.

אם אין תורה אין קמח. למשל צוויי קינדער האבין גילערינט ביא איין רבי, איין קינד איז גיוועזין אבן הגביר, אונ דער אנדערער איז גיוועזין דער קינד פון איין ארעמאן, דער בן הגביר האט גיקויפט אשיינע בייטעלע, דעם ארומאנס קינד האט אויך גיוואלט האבין אזא בייטעלע אשיינע איז ער אוועק גיגאנגען צוא דעם זעלבינין קרעמער אונ האט אים אוועק גינעבין וויפיל געלט ער האט גיהאט אונ ער האט גיבעטין ביין קרעמער ער זאל אים אויך געבין פאר דיא געלט אזא שיינע בייטעלע, אונ ער האט זיך גישווארין אז ער האט מער קיין געלט צוא געבין אים, זאגט דער קרעמער צוא אים אז דו האסט ניט קיין געלט אויף וואס דארפסטו אבייטעלע, אונ ער האט איהם ניט פאר קויפט דיא בייטעלע, דאס זאגט דער תנא „אם אין תורה" אז דער מענטש לערינט ניט קיין תורה אונ איז ניט מחזיק תורה, „אין קמח" איז ער ניט ווערט אז ער זאהל האבען קמח, אונ אויב עס איז דא אזעלכע מענטשין וואס זייא לערנען ניט אונ זייגען ניט מחזיק תורה אונ זייא האבין יע קמח מיט פרנסה איז דאס זייער רעה זייא זאלין האבין דיא וועלט גוט

כְּדֵי דִיא זָאלִין נִיט הָאבִּין עוֹלָם הַבָּא, דִיא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה „ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו" מֶען בַּאצָאלְט אִים אוֹיף דֶער וֶועלְט גוּט כְּדֵי אִיהם צוּ מַאכֶען דֶער פַאר פַאר לִירֶען אוֹיף עוֹלָם הַבָּא (א״י).

פרק רביעי

איזהו מכובד המכבד את הבריות. לְמָשָׁל אַשְׂרָרָה אִיז גִיקוּמֶען אִין אַיין אַכְסַנְיָא הָאט דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא דֶעם שְׂרָרָה גִיהַאלְטִין בְּכָבוֹד גָדוֹל. דֶר שְׂרָרָה הָאט בַּיי אִים גְפְרֶעגְט וִויפִיל דַארְף מֶען בַּאצָאלִין דִיר. עֶנְטְפֶערְט אִיהם דֶער בַּעַל אַכְסַנְיָא אִיךְ וֶועל בַּייא דִיר נִיט נֶעמֶען קַיין גִיצָאלְט גֶעלְט, מַיין שִׂמְחָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גִיוֶועזִין אַז דוּא זָאלְסְט זַיין בַּייא מִיר אִין שְׁטוּבּ אוּנ אִיךְ זָאל זַיין דִיר אַמְשָׁרֵת. אִיז אַרַיין דִיא רֵייד אִין דִיא הַארְץ פוּן שְׂרָרָה אַלִיבְּשַׁאפְט אוּנ דֶער שְׂרָרָה פְלֶעגְט דֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא שִׁיקֶען אָפְט מַתָּנוֹת, דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא „איזהו מכובד המכבד את הבריות" אַז מֶען וִויל הָאבִּין כָּבוֹד זָאל מֶען הַאלְטִין בְּכָבוֹד מֶענְטְשִׁין (א״י).

המחלל שם שמים בסתר נפרעין ממנו בגלוי. לְמָשָׁל אַשׁוֹפֵט הָאט גְשִׁיקְט דֶעם שַׁמָשׁ צוּ נֶעמֶען מַשְׁכָּנוֹת בַּייא אַמֶענְשִׁין פַאר וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אַיין מַעֲשֶׂה רָעָה, הָאט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּם שׁוֹפֵט אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין גֶעלְט שְׁטִילֶער־הֵייט וִויפִיל דוּא וֶועסְט בֶּעטִין נָאר דוּא זָאלְסְט מִיר נִיט טָאן דִיא שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ צוּא נֶעמֶען בַּייא מִיר מַשְׁכָּנוֹת מְבַזֶה זַיין מִיר פַאר מֶענְטְשִׁין, עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער שׁוֹפֵט דֶר רֶעכְטֶער עִיקָר קְנַס אִיז אַז מֶענְשִׁין זָאלִין וִויסֶען דֶעם בִּזָיוֹן אַז קַיין מֶענְטְשׁ זָאל נִיט טָאן אַזוֹ וִויא דוּא הָאסְט גִיטָאן דִיא מַעֲשֶׂה רַע אִיז וָואס דוּ וֶועסְט הָאבִּין מֶער בִּזְיוֹנוֹת וֶועט מֶען זִיךְ הִיטֶען צוּא טָאן אַזוֹיא וִויא דוּא. דָאס אִיז וָואס דֶער תַּנָא הָאט גִיזָאגְט „המחלל שם שמים בסתר" דֶער וָואס אִיז מְחַלֵל הַשֵׁם פַאר בָּארְגֶענֶערְהֵייט „נפרעין ממנו בגלוי" וֶועט מֶען נֶעמֶען גִיצָאלְט פוּן אִים אַז אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וֶועלֶען זֶעהְן זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשִׁין זָאלִין זִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען אַמוּסָר פוּן אִים אוּנ זָאלִין נִיט טָאן וִויא עֶר הָאט גִיטָאן (א״י):

המכבד את התורה גופו מכובד על הבריות וכל המחלל את התורה גופו מחולל על הבריות.

אַיין רַב הָאט גִיהַאט אַזוּן זֵייעֶר אַגְרוֹיסִין לַמְדָן אוּנ מִיט גוּטֶע מִדוֹת, הָאט דֶער רַב גִיטָאן אַשִׁידוּךְ מִיט דֶעם זוּן מִיט אַגְרוֹיסִין גְבִיר אָבֶּער עֶר אִיז גִיוֶועזִין אַיין עַם הָאָרֶץ, דֶער בֶּן הָרַב אִיז אָן גִיקוּמֶען נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אִין דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם גְבִיר הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז בַּיין עַם הָאָרֶץ אִיז לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט גוּטֶע מִדוֹת גָאר נִיט חָשׁוּב, הָאט דֶער בֶּן הָרַב אוֹיף גִיהֶערְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ נִיט פִירִין זִיךְ מִיט גוּטֶע מִדוֹת, הָאט דֶער רַב דָאס דֶערְהֶערְט הָאט עֶר אִים אָפּ גִישֵׁייד פוּן שְׁטוּבּ פוּן עַם הָאָרֶץ אוּנ הָאט אִים גִינוּמֶען צוּא זִיךְ, אִיז גִיקוּמֶען דֶער עַם הָאָרֶץ צוּם רַבּ אוּנ הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט פַאר וָואס הָאסְטוּ פַאנַאנְדֶער גִישֵׁייט אַפָּאר פָאלְק אִיךְ בִּין נִיט שׁוּלְדִיג וָואס דֶער קִינְד אִיז וִוילְד עֶר גֵייט אִין אַשְׁלֶעכְטֶע וֶועג עֶר וִויל נִיט לֶערְנֶען, הָאט דֶער רַבּ גִיעֶנְטְפֶערְט אִים מַיין קִינְד אִיז גִיוֶועזִין בַּייא מִיר אַזוֹי גוּטֶער אוּנ הָאט גִילֶערְנְט תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה אַלְס עֶר אִיז אָן גִיקוּמֶען צוּ דִיר אוּנ הָאט גִיזֶעהְן דַיין פִירוּנְג אַז דוּא בִּיזְט מְחַלֵל אֶת

התורה

הַתּוֹרָה, .אִין דַיין שְׁטוּב הָאט מֶען פַיינְט דֶעם וָואס לֶערִינְט אִיז עֶר אוֹיךְ אַזוֹיא גִיוָוארִין, אוּנ אִיז נִיט גִיוָוארִין חָשׁוּב אִין שְׁטָאט, נוּר עֶר אִיז מְחוּלָל גִיוָוארִין אִין שְׁטָאט, וְויא עֶם שְׁטֵייט אִין פֶּרֶק „כל המחלל את התורה גופו מחולל על הבריות" (א״י).

ואם עמלת בתורה יש לו שכר הרבה ליתן לך·

לְמָשָׁל צְווייא סוֹחֲרִים זַיינֶען גִיקוּמֶען אִין אַשְׁטָאט וָואס דַאן אִיז גִיוֶועזֶן אַמַארְק טָאג צוּ קוֹיפִין סְחוֹרָה, אֵיין סוֹחֵר אִיז גִיוֶוען אַגַאנְצִין טָאג אִין אַכְסַנְיוֹת הָאט גִיגֶעסִין אוּנ גִיטְרוּנְקֶען אוּנ נָאר נִישְׁט גִיקוֹיפְט קֵיין סְחוֹרָה, אוּנ דֶער אַנְדֶער סוֹחֵר אִיז אוּם גִיגַאנְגֶען אַגַאנְצִין טָאג צוּא קוֹיפִין סְחוֹרָה אוּנ בַּייא נַאכְט הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט גִישְׁלָאפִן עֶר הָאט גִירֶעכִינְט דִיא חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִיא סְחוֹרוֹת, הָאט גִילַאכְט דֶער עֶרְשְׁטֶער סוֹחֵר פוּן דֶעם אַנְדֶער סוֹחֵר אוּנ הָאט אִיהם גִיזָאגְט אִיךְ עֶס אוּנ טְרִינְק גוּטֶע מַשְׁקָאוֹת אִין אַמַארְק טָאג קֶען אִיךְ גִיפִינֶען צוּא קוֹיפִין אַלֶע אֲכִילוֹת אוּנ גוּטֶע מַשְׁקָה אוּנ דוּא לוֹיפְסְט אוּם אַגַאנְצֶען טָאג אוּנ דוּא הָאסְט נִיט קֵיין רוּאוּנג אֲפִילוּ בַּייא נַאכְט כָּק דוּא בִּיזְט צוּ טְרָאגִין אִין דַיינֶע עֲסָקִים נִיט דוּא עֶסְט אוּנ נִיט דוּא טְרִינְקְסְט. הָאט אִים דֶער אַנְדֶער סוֹחֵר גִיעֶנְטְפֶערְט אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם וֶועלֶען מִיר זֶעהֶן וֶוער הָאט בֶּעסֶער גִיטָאן צוּא אִיךְ צוּא דוּא אַז דוּא וֶועסְט קוּמֶען אַהֵיים וֶועסְטוּא קֵיין סְחוֹרָה נִיט בְּרֵיינְגֶען וָוארוּם דוּא הָאסְט אִים גִיגֶעבִּין דַיין גֶעלְט אוֹיף עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען, דִי תַּעֲנוּגִים וָואס דוּ הָאסְט גִיהַאט אוֹיף דֶעם מַארְק וֶועט פַאר קֶערְט וֶוערִין אוֹיף צָרוֹת. אָבֶער אִיךְ הָאן אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט תַּעֲנוּגִים אוֹיף דֶעם מַארְק וֶועל אִיךְ בְּרֵיינְגֶען סְחוֹרָה וֶועל אִיךְ הָאבִּין אִין דֶער הֵיים תַּעֲנוּגִים אִיךְ וֶועל הָאבִּין פַּרְנָסָה. אַזוֹי אוֹיךְ דִיא וֶועלְט אִיז וְויא אַטָאג פוּן אַמַארְק מֶען קֶען אֵיין קוֹיפִין גוּטֶע סְחוֹרָה, דְהַיְינוּ מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ טָאן מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים חָאטְשׁ עֶס אִיז שְׁוֶוער גוֹבֵר צוּא זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע אָבֶער עֶר וֶועט הָאבִּין עוֹלָם הַבָּא. דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא „ואם עמלת בתורה יש לך שכר הרבה ליתן לך", אַז דוּא הָאסְט זִיךְ גִימִיהט צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה הָאט גָאט צוּא גֶעבִּין דִיר אַפוֹלֶע שָׂכָר (א״י).

הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם.

לְמָשָׁל אַקְרַאנְקֶער וָואס דִי דַאקְטוֹרִין טוּט אִיהם וֶוייא, הָאט אִיהם אַדָאקְטֶער גִיזָאגְט אַז זַיין רְפוּאָה אִיז אַז עֶר זָאל נִיט מְקַנֵא זַיין וָואס זַיין שָׁכֵן דֶער קְרֶעמֶער לֵייזְט אִין קְרָאם אוּנ עֶר נִיט, אוּנ זָאל נִיט וֶועלֶען הָאבִּין קֵיין כָּבוֹד וָוארוּם דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת קִנְאָה אוּנ כָּבוֹד הָאבִּין דָאס צוּא מִישְׁט דִיא בְּלוּט פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין אוּנ עֶס בְּרֵיינְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּא אַלֶע קְרַאנְקְהַייט, אוּנ עֶס קֶען אִיהם אַרוֹיס צִיהֶען פוּן דֶער וֶועלְט. דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם".

פרק חמישי

שלי שלי ושלך שלך רשע. אַמֶענְטְשׁ אִיז גִיפָארִין אִין וֶועג מִיט זַיין קְנֶעכְט, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גִישְׁרִיבִּין אַצַוָואָה דָאס גָאר זַיין גוּטְץ זָאל גִיהֶערִין צוּא זַיין קְנֶעכְט אוּנ זַיין זוּן וָואס אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל זִיךְ אוֹיס קְלַייבִּין אֵיין זַאךְ אוּנ נֶעמֶען, אַלְס דֶער סוֹחֵר אִיז גִישְׁטָארְבִּין אִיז דֶער קְנֶעכְט גִיקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ נֶעמֶען

דיא הייזער אונ דיא פעלדער פון סוחר אונ האט גיזאגט דעם זון אז דער פאטער זיינער האט אלין אים אפ גישריבן אונ דיר האט ער אפ גישריבן אז דו זאלסט נעמען איין חפץ וואסערין דו ווילסט אונ מארגין וועלין מיר גיין צו בית דין, איז אוועק גיגאנגען דער זון אונ האט גיזאגט דעם רבי אז ער איז אין אגרויסע צרה זיין פאטער האט אפ גישריבן זיין פערמעגין דעם קנעכט אונ מיר האט ער אפ גישריבן נור איין חפץ האט דער רבי גיזאגט דיין פאטער האט דיר אגרויסע טובה גיטאן ער האט גיוואוסט אז דער קנעכט איז אגרויסער רשע ער וועט בוודאי זאגין, שלך שלי אז ער וואלט דיר אלין אפ גישריבן וואלט דער קנעכט אנטלויפען מיט דיא סחורה האט ער אים אלין אפ גישריבען וועט ער גיוויס ניט אנטלויפען, אונ דיר האט ער אפ גישריבען איין חפץ זאלסטו זאגין בייא בית דין אז דוא ווילסט דעם קנעכט אונ ער האט אים ניט ארויס גילאזין פרייא וועט ער ווערין דיין קנעכט, אונ וואס אקנעכט האט גיהערט צום בעל הבית וועסטו האבין אלין, האט דער בן אזויא גיטאן, דארף מען זיך ארויס נעמען דר פון אמוסר אז מען זאל ניט זאגן שלך שלי ווארום אז מען זאגט דאס איז מען ארשע, אונ דער כח איז אז עס וועט אים ניט אן קומען די פרעמדע אזויא וויא דער קנעכט ער האט גיוואלט נעמען דיא פרעמדע אונ איז גיקומען נאך ארין ישראל צוא נעמען אלין דיין כח איז גיוועןע ער האט גימוזט אוועק געבין אונ ער איז ווייטער גיווארן איין קנעכט.

בן בג בג אומר הפך בה והפך בה וכו' (א"י). למשל אביגין וואס איז גיוועזין זייער הויך אונ ער האט גיהאט אלייטער מיט טרעפ ארויף צוא גיין אויף דער שיילעט. דער בעל הבית האט גידארפט אריבער טראגין דעם לייטער אונ אנידער שטעלין אין אנאנדער ארט האט מען גידארפט צוא ריגען דיא טרעפ אונ צוא טראגין דעם לייטער אין דעם אנדער ארט, האט דער בעל מלאכה גינומען פאנאנדער נעמען די טרעפ כסדר, דעם ערשטין טרעפ פריער דער נאך דעם אנדער טרעפ אונ אזויא אלע טרעפ ביז וואנעט ער האט צוא ריעט אלע טרעפ אונ איז ארויף אויבין אויף דעם מויער, האט ער אן גיהויבין צו שרייען וויא אזוי וועט ער אראפ גיין פון מויער אויף דער ערד, האט מען פון אים גילאכט אונ מען האט אים גיזאגט דו האסט גדארפט פריער צו נעמען דעם אויבערשטן טרעפ אונ נאכהער די איבריגע דענסטמאל וואלסטו קענען אראפ גיין, אין אצייט ארום האט גידארפט דער בעל הבית אריבער טראגין אלייטער וואס איז גישטאנען אין אהייל אונ אים שטעלין אין אנאנדער ארט דער בעל מלאכה איז שוין גילערינט גיווארין אז מען טראגט אריבער אלייטער פון איין ארט אין אנדערין דארף מען צוא נעמען פריער דעם אויבערשטין טרעפ ביז אראפ, דער בעל מלאכה האט ניט גיהאט קיין שכל האט ער גיטאן פערקערט ער האט פריער צו גינומען דעם אויבערשטין טרעפ אונ נאכהער די איבעריגע אונ איז אראפ טיף אין הייל אונ האט גינומען שרייען ער קען ניט ארויס גיין פון הייל, האט מען פון אים ווייטער גילאכט אונ אים גיזאגט מען דארף האבן שכל וויא צו טאן אמלאכה, אלייטער וואס שטייט אין דער הויך אז מען דארף אים איבער טראגן מוז מען פריער צו נעמען דעם אויבערשטין טרעפ ביז אראפ, אונ אז מען וויל אים איבער טראגין פון אהייל דארף מען טאן פערקערט מוז מען פריער צו נעמען דעם אונטערשטין טרעפ ביז

ארויף כדי מען זאל קענען ארויס גיין פון היל, אזוי אויך אלע מדות וואס גאט האט באשאפן אין דעם מענשין איז פערשיידענע אמאל דארף מען אזוי טאן און אמאל פאר קערט, דהיינו די מדה ענוה, דער היפוך איז גאוה כעס, דער היפוך איז רצון, עצלה דער היפוך איז זריזות, אזוי צו טאן א מצוה דארף מען האבין ענוה מיט גאוה פריער אין אן הויב צוא טאן דיא מצוה דארף זיין ענוה, מען דארף זיך באקלערין אז דער מענש איז אזויא קליין איז מען זוכה דינען הקב"ה און אז מען טוט שוין דיא מצוה דארף מען דער וועקין דיא הויכקייט צוא טאן דיא מצוה מיט אלע הידורים מיט כבוד מיט שמחה וויא מען דארף טאן להקב"ה אבער אז מען טוט פארקערט פון אן הויב מיט גאוה און דער נאך אז ער טוט דיא מצוה מיט ענוה מיט א צובראכענע גימיט איז ניט גוט און דורך דעם אז מען לערינט די תורה וועט מען וויסען וויא צו באנוצין דיא מדות די תורה וועט שוין לערנען. דאס זאגט דער תנא „הפך בה והפך בה" קער די תורה דאס מיינט מען אז דוא וועסט לערנען דיא תורה וועסטו וויסען וויא צו קערין די מדות און דו וועסט טאן די מצות וויא גיהעריג איז „ומנה לא תזוע" פון דער תורה זאלסטו ניט רירין זיך „שאין לך מדה טובה הימנה" עס איז ניטא קיין גרעסערע וואס אפ צו לערנען זיך וויא פון דער תורה (א"י).

פרק ששי

ומגלין לו רזי תורה (מלכי"ס). אשרה האט גיהאט צוויי קנעכט איינער איז אים גיוועזן זייער א גוטער פריינד און דר צווייטער איז אים גיוועזן א שונא, דער שרה האט פאר באטין ביידין אז זייא זאלין אים טאן א גרויסע זאך און אויב זיי וועלין דאס טאן וועט מען איינעם פון זיי אן טאן העריליכע קליידער און אים מאכין רייטין אויף דעם שרה'ס פערד און מען וועט אויס רופין דאס איז דער מענטש וואס דער שרה וויל געבין כבוד, און דער שרה האט זיי פאר באטין אז אויב איינער פון זיי וועט אים ניט פאלגין און וועט טאן וואס מען דארף ניט זאל מען אים אן טאן צוריסענע קליידער און אויס שרייען דאס איז דער מענש וואס פאלגט ניט דעם שרה, האבין זיי ביידע גיטאן וואס דער שרה האט זיי פערבאטין קומט זיי ביידין אן צו טאן כבוד, און די אנדערע זאך וואס זיי האבין גיטאן וואס דער שרה האט פאר באטין קומט ביידין אן צו טאן בזיונות, האט דער שרה ביידין אוועק גיפירט אין א וואלד. דעם גוטען פריינד האט ער אים גיטאן בזיונות אין וואלד און דעם קנעכט דעם שונא האט מען אין וואלד גיטאן כבוד. אין א צייט ארום איז גיוועזן אין שטאט וואו דער שרה זיצט א גרויסער מארק עס זיינען גיקומען א סך סוחרים און א סך מענטשין האט מען דעם גוטען פריינד גיטאן גרויס כבוד און דעם שונא האט דער שרה גיטאן בזיונות, האט מען פאר שטאנען וואס דער שרה האט גיגעבין כבוד דעם שונא אין וואלד כדי זיין כבוד זאל ניט זיין חשוב און פאר מענטשין האט מען אים גיטאן בזיונות פר וואס ער האט ניט גיפאלגט דעם שרה און דעם גוטען פריינד פאר וואס ער האט ניט גיפאלגט דעם שרה האט מען אים גיטאן בזיונות אין וואלד פאר דיא בוימער און פאר וואס ער האט גיפאלגט דעם שרה האט מען אים גיגעבין פאר

אַסאך מענטשין און פאר אלע גרויסע לייט גרויס כבוד. אזוי אויך דעם צדיק האט גאט זייער ליב און עס קען טרעפין אז דער צדיק האט אויך פאר זינדיגט גיט גאט אים צרות אויף דער וועלט וואס די עולם הזה איז ניט אין אייביגע וועלט און אויף עולם הבא וועט דער צדיק האבין גרויס גדולה מחמת די תורה און מצות וואס ער האט עוסק גיוועזין, און דעם רשע קען זיין אז ער האט גיטאן א מצוה טוט מען אים טובות אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט וועט ער האבין גרויס בזיונות פאר זיינע שלעכטע מעשים דאס וואס דער תנא האט גיזאגט „ומגלין לו רזי תורה" דעם צדיק וועט מען מגלה זיין סודות התורה און דורך די תורה וועט ער האבין גרויס שמחה לעוה"ב.

ומתרחק מן הכבוד (ה"י). עס וואר א מענטש וואס האט ליב גיהאט מען זאל אים געבין כבוד, איין מאל האט ער אקוק גיטאן אין א שפיגיל האט ער דערזעהן אז א מענטש שטייט געגין אים און גיט אים ניט קיין כבוד איז ער גיווארן אין כעס אויף אים און האט גינומען קריצין מיט די ציינער, גיט ער אקוק אז דער מענטש וואס ווייזט אין שפיגיל קריצעט אויך מיט די ציינער נעמט ער א שטעקין אים צו שלאגין, נעמט דער מענטש פון שפיגיל אויך א שטעקין, האט ער פר כעס מיטין שטעקין גישלאגן דעם מענטשן פון שפיגיל און האט צובראכין דעם שפיגיל האט ער שוין דעם מענטש ניט גיזעהן, איז אריין גיגאנגען זיינער א גוטער פריינד און האט אים גיפרעגט ווער עס האט צובראכין דעם שפיגיל, האט דר בעל גאוה גיענפערט איך האב צובראכין, אבער מיין נחמה איז איך האב גישלאגין מיין שונא ביז וואנעט ער איז ניט גיווארן דאפיר וואס ער האט מיר קיין כבוד ניט גיגעבין, איך האב אויף אים גיקריצט מיט די ציין, האט ער אויך גיקריצט איך האב אויף אים גיהויבין א שטעקין האט ער אויף מיר אויך גיהויבין א שטעקין, האט אים זיין פריינד גיזאגט דעם מענטשין וואס דו האסט גיזעהן אין שפיגיל איז גיוועזן דיין גישטאלט און דאס וואס דוא האסט גיטאן האט דאס גיוויזין אין שפיגיל וואלסטו ווייזין א פריילעכין פנים וואלט אין שפיגיל אויך ווייזין א פריילעכין פנים דו האסט אים אום זיסט צובראכין, אזוי אויך די תורה איז וויא א שפיגיל אז מ'לערינט תורה ווייזט זיא א פריילעך פנים און ווערט צו אים נקנה, די תורה האלט זיך איין ביי מענשין וואס האט ניט קיין גאוה און כבוד, דאס האט דר תנא גיזאגט „ומתרחק מן הכבוד" דר וואס ווייבט פון כבוד וועט זוכה זיין צוא לערנען תורה.

גדולה תורה שהיא נותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא (זוה"ק פ' בראשית). אז ר' שמעון בן יוחאי איז קראנק גיווארן זיינען גיקומען ר' פנחס בן יאיר מיט ר' חייא מיט ר' אבא מבקר חולה זיין, האבין זיי צו אים גיזאגט דו ביסט אזא גרויסער צדיק וואס דורך דיין זכות פון תורה האט א קיום די גאנצע וועלט, וויא אזוי קען זיין אז דוא זאלסט שטארבן, האט ער גיענטפערט מיין דין וועט ניט משפטן בית דין של מעלה נור גאט אליין וועט זעהן מיין דין ווארום בית דין של מעלה קוקין דעם דין פון מענטשין אז ער איז גישטארבין איז פאראנען וואס זאגן אויף אים א זכות און עס איז פאראנען וואס זייא זאגין אויף אים א חוב אבער אז גאט משפט גייט ארוים גוט דער משפט, ווארום איך האב גיבעטין אז גאט זאל קוקין מיין דין, האט ר' שמעון בן יוחאי גיזאגט אוווארט האבין זיי בעמערקט אז ער איז אין בעט ניטא, זיינען זייא זייער דערשראקין גיווארן און האבן קיין ווארט גיקענט ריידין אין א ווייל'ע ארום האבין זייא דערשמעקט א ריח פון גן עדן זיינען זיי דר פון גשטארקט

גיווארן

גִיוָוארִין, אוּנ הָאבִּין ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אִין בֶּעט דֶערזֶעהְן אוּנ דֶערהֶערְט אַז עֶר רֶעט מִיט אַמֶענְשׁ אוּנ הָאבִּין נִיט גִיזֶעהֶען מִיט וֶועמֶען עֶר רֶעט, הָאט ר' פִּינְחָס אִים גִיזָאגְט אוּנְז אִיז אַגְרוֹיסֶער ווְאוּנְדֶער וָואס דוּ בִּיזְט נִיט גִיוָוארִין אִין בֶּעט אוּנ מִיר הָאבִּין דִיר נִיט גִיזֶעהְן, אוּנ אַז מִיר הָאבִּין דִיר דֶערזֶעהְן הָאט אוּנְז גִישְׁמֶעקְט אַרִיחַ פוּן גַן עֵדֶן אוּנ דוּא הָאסְט גִירֶעט מִיט אַמֶענְטְשׁ אוּנ מִיר הָאבִּין נִיט גִיזֶעהְן מִיט וֶועמֶען דוּא הָאסְט גִירֶעט, הָאט ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גִיעֶנְטְפֶערְט מִיר אִיז אַגְרוֹיסֶער ווְאוּנְדֶער אוֹיךְ ר' פִּינְחָס וָואס עֶר הָאט נִיט גִיזֶעהְן מִיט וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גִירֶעט, אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אַז זַיין אָרְט אִין גַן עֵדֶן אִיז עֶפֶּעס נִידֶערִיגֶער פַאר מַיין זוּן ר' אֶלְעָזָר, אוּנ דאס וָואס אִיךְ בִּין נִיט גִיוָוארִין אִין מַיין בֶּעט הָאט מֶען נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט פוּן הִימִיל אוּנ מֶען הָאט מִיר גִיוִויזִין דֶעם אָרְט וואוּ דִיא צַדִיקִים זַיינֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַיין אָרְט אִין גַן עֵדֶן אִיךְ זָאל זַיין לֶעבִּין אֲחִיָה הַשִׁלוֹנִי, דֶער נָאךְ בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען צוּרִיק פוּן גַן עֵדֶן אִין בֶּעט, אוּנ מִיט מִיר זַיינֶען גִיקוּמֶען דְרַייא הוּנְדֶערְט נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים אוּנ אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז אוֹיךְ גִיקוּמֶען מִיט מִיר אוּנ אִיז גִיזֶעסִין בַּייא מִיר אוּנ מִיט אִים הָאבּ אִיךְ דָאס גִירֶעט, דָאס אִיז וָואס דֶער תַּנָא הָאט גִיזָאגְט „גדולה תורה שהיא נותנת חיים בעולם הזה ובעולם הבא" גְרוֹיס אִיז אַז מֶען לֶערִינְט תוֹרָה, אוּנ דוּרְךְ דֶעם זְכוּת וֶועט גָאט גֶעבִּין עוֹלָם הַזֶה אוּנ עוֹלָם הַבָּא.